# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 11-12 - September 1957 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0xj9z46w

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 11-12(1)

### Publication Date
1957

### Copyright Information
Copyright 1957 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

טאָפּל 11-12 נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

און

שרייבער קרייז „בוך און לעבן"

תשרי, תשי"ז — סעפּטעמבער, 1957

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*THIRTY-FIRST ANNIVERSARY*

•

*1926-1957*

# "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

QUARTERLY PUBLICATION

of the

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

and

L. A. WRITERS GROUP

I. FRIEDLAND, Editor

●

SEPTEMBER, 1957

# A BRIEF HISTORY OF THE
# L. A. YIDDISH CULTURE CLUB

Thirty-one years ago, a very small group of individuals conceived the idea of a Yiddish culture club free of any party affiliations and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievements are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from the inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Los Angeles Yiddish Culture Club is affiliated with the Los Angeles Jewish Community Council and is consistently cooperating with the Bureau of Jewish Education especially in the activities of the Jewish Book Month.

Another principle of the Club was to preserve the historic value of Jewish holidays, and toward this end, the Club members have invariably come together, on the occasion of such holidays, to celebrate and interpret the significance of all traditional events.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary or musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

Originally the Club consisted of a narrow circle of Yiddish loving people. Today the circle expanded and has a membership of hundreds of men and women participating in all phases of culture.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: I. Friedland, president (for the past 17 years); M. L. Kopiloff, financial secretary; S. Levin, recording secretary; Ab. Schwartz, treasurer; Ben Zuckerman, and Sam Breinin, vice-presidents; Sophia Cutler, House Manager; Finance Committee: Sam Zuckerman and M. Winarsky; N. Azolin, Librarian.

We are approaching our Thirty-second year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

All Yiddish loving people, interested in Yiddish culture, drama, music, and real Yiddish atmosphere, are welcome to join us, and thus strengthen the spiritual link of the Yiddish way of life.

**THE LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB**
**4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California**
M. L. KOPILOFF, Secretary

# אינהאַלט:


י. פ.: ערשטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ע״ה . . . . . . . . 3
ה. רויזענבלאַט: קאַליפאָרניע (ליד) . . . . . . . . 6
וו. נאַטאַנסאָן: ה. רויזענבלאַט (אָפּהאַנדלונג) . . . . . . . 7
א. אַלמי: ״יום־הדין״. ״חכמה״ (לידער) . . . . . . . 12
בערל סאַטט: ״שופר בלאָזן״ (האַלץ־שניץ) . . . . . . . 14
מלכה חפץ טוזמאַן: ״צי ווייסט זי דען?״ (ליד) . . . . . . . . 15
אבא קליגער: בודהאַ און זיין וועג צו לייטערונג (עסיי) . . . . . 17
מ. פערעלמוטער: ״חשבון״. ״האָסט אויסגעוויילט שאָטן״. ״צו אַ פּאָעט״ . 23
נח גאָלדבערג: ״דער אַלמער״ (דערציילונג) . . . . . . . . 24
חיים פּעט: פּען שטריכן (מיניאַטור) . . . . . . . . . . 30
אסתר שומיאַטשער־הירשביין: ״באַווייז אַ בס״ (ליד) . . . . . . . 31
י. פרידלאַנד: ״אין יענע טעג פון אומרו״ (דערציילונג) . . . . . . 32
ברכה קודלי: ״פּאַרנאַכט״ (ליד) . . . . . . . . . . . . 38
פּינטשע בערמאַן: ״ווילט זיך לעבן״. ״ווען עס פאַלן בלעטער״ (לידער) . 39
ד״ר ה. מ. ראַטבלאַט: דער תנ״ך, אַן אוניווערסאַל און אייביק ווערק (עסיי) 41
גדליה שטוצינער: די ליכטיקע דעראינערונג — י. ח. ברענער . . . . . 44
יעקב זינגער: די אומעטיקע עלטער (איין־אַקטער) . . . . . . . 46
ז. בונין: ״אין די צווייגן אויף די ביימער״. ״פאָלקס מאָטיוו״ (לידער) . 55
א. כראַבלאָווסקי: די פאַרשעמטע ספרים (אימפּרעסיעס) . . . . . . 56
בצלאל מלחי: ״פּרנסה געבער״ (קונסט בילד) . . . . . . . . . 59
ד״ר דוד ברידזשער: דער יידישער חינוך אין לאָס אַנגעלעס . . . . . . 60
יצחק ניומאַן: די סעקטע סיקרים (אָפּהאַנדלונג) . . . . . . . 63
א. באַביטש: פּען שפּריצן . . . . . . . . . . . . . 65
בען צוקערמאַן: איינדרוקן פון דער יוגנט אין ישראל . . . . . . . 67
ליטעראַרישע נאָטיצן . . . . . . . . . . . . . . . 70
31 יאָר קולטור קלוב . . . רשימה פון ליטעראַרישע שבת־צונאַכטן . . . 74
באַגריסונגען . . . נעקראָלאָגן . . . . . . . . . . . . 92


---


## "CHESHBON"

(REVIEW OF LITERARY AND CULTURAL ACTIVITIES)

רעדאַקציע־ראַט: וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE, LOS ANGELES 27, CALIFORNIA


No. 2-4444



# ערשטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט, ע״ה

מיטוואָך, דעם 29טן מאַי, כ״ח אייר, תשי״ז, איז געוואָרן אַ יאָר זינט אונדזער חשובער דיכטער איז פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן. אַוודאי פילט זיך ביי אונדז דער זייער גרויסער פאַרלוסט פון רויזענבלאַטס ניט זיין מער מיט אונדז. די יידישע לאָס אַנגעלעס איז מיט צער און טרויער געווען איבערפילט ביי זיין פטירה, און מיט ניט ווייניקער צער און טרויער זיינען מיר באַוועלטיקט, עד היום, אויף דער גרויסער אבידה אונדזערער.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן אַ גאַנץ היפּשע צאָל פון די בעסט־קרנדיקע שאַפער און בויער פון דער יידישער ליטעראַטור. מיר ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער און מערער פאַר׳יתומ׳ט און פאַר׳אבל׳ט. אָבער, גאָר באַזונדער זיינען מיר פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן, דאָ אין ל. א., מיט רויזענבלאַטס פטירה. זיין אָפּוועזנקייט פילן מיר דאָ אַמשטאַרקסטן. נישטאָ ביי אונדז ווער עס זאָל פאַרנעמען זיין חשוב און בכבודיקן אָרט.

מיר פילן דאָ די אבידה אַמשטאַרקסטן, מחמת, ניט נאָר איז ער געווען דער גרויסער באַליבטער דיכטער אונדזערער, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געריימט און גע׳יחוס׳ט, וואָס ער האָט געלעבט און געווירקט אין אונדזער סביבה; נייערט ער איז אויך געווען אַן עכטער ליבער חבר, אַ גוטער פריינט, אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלער און אַן ערנסטער קולטור־עסקן.

ניט כסדר גייט האַנט אין האַנט גרויס־שעפערישער טאַלאַנט מיט קהלשער און קולטור־טעטיקייט. רויזענבלאַט איז נישט געווען פון יענעם מין דיכטער קינסטלער, וואָס האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין חדר מיוחד, און האָט זיך נאָר באַפרידיקט מיט זיין קרעאַטיווער קונסט, מיט וועלכער די השגחה האָט אים געבענטשט, און פון דעםברייטן עולם זיך אָפגעזונדערט: ניין, רויזענבלאַט איז תמיד געווען מיט אונדז, און צווישן אונדז, ווי אַן אייגענער, ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע. ס׳איז קיינמאָל נישט געווען קיין ווייטע דיסטאַנץ צווישן רויזענבלאַט דעם גרויסן קינסטלער, און דעם פשוטן לייענער — דעם יידישן פאָלקס־מענטש. און דעריבער טאַקע, פאַר זיין פשטות און חברשאַפט, איז ער כסדר פון אונדזער עולם אויפגענומען געוואָרן מיט אַזויפיל וואַרעמקייט און האַרציקער פרייד. רויזענבלאַט איז געווען געבענטשט ניט נאָר מיט זיין גרויסן טאַלאַנט, נייערט אויך מיט דער געטלעכער מתנה, פון אַ סך מענטשלעכער וואַרעמקייט, וואָס פלעגט זיך מאַגנעטיש איבערטראָגן צו זיינע מיטמענטשן און פריינט: מיט זיין היימישער און פריינטלעכער באַטייליקונג אין אונדזערע קולטור־מסיבות און געזעלשאַפטן, האָט ער אַריינגעבראַכט אַ סך דערהויבנקייט, אַ סך חשיבות, יום־טובדיקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

פאַר אונדזער יידיש־יידישן סעקטאָר איז ער אָפט מאָל געווען דער מנהיג און מדריך. ס׳איז נישט געווען קיין איין גרויסע קולטור־פייערלעכע אסיפה, וואו רויזענבלאַט זאָל ניט געווען זיין דער ראש המדברים, און באַשיינען די פאַרזאַמ־לונגען מיט זיין חשובער פערזענלעכקייט. ביים רוב פון די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס איז ער, כמעט, כסדר אויפגעטראָטן, מיט זיין פיין געשליפן וואָרט, און קלאָר ליריש ליד. זיינע צוהערער און פאַרערער האָבן אים תמיד גערן אויפגענומען מיט גרויס יראת־הכבוד און ליבע, וואָס ער האָט באמת כשר פאַרדינט. במשך פון די דריטהאַלבן־צענדליק יאָר וואָס רויזענבלאַט האָט געלעבט צווישן אונדז, האָט ער מיט זיין פערזענלעכקייט און שעפעריש וואָרט גאָר אַ סך באַווירקט אונדזער קולטור־סביבה. מיט זיין צויבערלעך יידיש וואָרט און צאַרטן הומאָר האָט ער אַרויסגערופן ביי זיינע צוהערער אָן אַ שיעור פרייד און התפעלות.

רויזענבלאַט האָט געהאַט אַ היפשע צאָל פריינט און פאַרערער אומעטום, אין דער יידישער וועלט: אַמעריקע קאַנאַדע, מעקסיקאָ און ישראל; און פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז רויזענבלאַטס נאָמען אין ל. א. געווען דער אַדרעס.

מיט דער גאַנץ גרויסער צעשפרייטקייט אונדזערער אין אָט דעם ווי אויף הייוון וואַקסנדיקן ישוב אונדזערן, ביים פאַסיפיק, וואָס איז איצט דער צווייטער גרעסטער יידישער קיבוץ, נאָך ניו־יאָרק, זיינען מיר אָבער דאָך זייער און זייער באַשרענקט אין אַקטיוו יידיש־שעפערישע און ליטעראַרישע כוחות. די גאַנצע פלעיאַדע יידיש־שרייבער זיינען דאָך אין דער מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק. פון צייט צו צייט קומען צו אונדז פון דאָרטן יידישע שרייבער, דיכטער יידיש־געלערנטע צו גאַסט. זיינען מיר אוודאי זייער צופרידן פון זייער קומען. די געסט פאָרן אַוועק, ס׳רוב מיט גרויס דערפאָלג, און אין אַ סך פאַלן פאַרגעסט מען אין אונדז. בכן זיינען מיר באמת גליקלעך געווען וואָס דער גורל האָט אונדז צוגעטיילט דעם כבוד און די זכיה אז רויזענבלאַט זאָל ווערן אונדזערער אַ בן־עיר, אַן אייגע־

נער, און ער איז געבליבן מיט אונדז, באַליבט און אייגן, ביז די לעצטע שעהן פון זיין גלאַררייכן און פרוכטיקן לעבן. פאַר דער יידישער ל. א. איז ער באמת געווען אַ גאַר גרויס געפינס.

פון די יידישע שרייבער און דיכטער אין ל. א. איז ער געווען דער ראש־הסופרים און דער ראש־המדברים. ער האָט פאַרטראָטן דאָס שרייבערטום מיט כבוד און מיט חשיבות; די שרייבער האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. זיין גרויס־שעפערישער טאַלאַנט האָט אים, בכל־אופן, ניט אַוועקגעשטעלט אין דער פאָזיציע פון גריוס־האַלטעריי און סנאָביזם, ווי ס'טרעפט ביי אַנדערע, ס'זאָל זיי צו קיין גנאי ניט זיין. ער האָט אַנערקענט און אָפּגעשאַצט יעדן שע־פערישן מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַן אינערלעכן דראַנג און תשוקה צום שאַפן, לויט זיין טאַלאַנט און פעאיקייט, און איז געווען צו יעדן חבריש און קאַלעגיאַל. און דאָס איז גאַר אַ גרויסע מידה, וואָס ניט קיין סך פון די שרייבער האָבן געקענט זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה.

נאָך אַ פונקט, וואָס כאַראַקטעריזירט אמבולטסטן רויזענבלאַט דעם מענטש, און זיין אויפריכטיקסטע ערנסטע באַציאונג, צו אידישע קולטור טעטיקייט און יידיש געדרוקטן וואָרט. אין יאָר 1939, ווען דער ל. א. קולטור קלוב האָט גע־מאַכט אַ פאַרזוך ארויסצוגעבן אַ חודש שריפט: „אונדזער וואָרט", האָט ער פריינדלעך אַנגענומען מיין איינלאַדונג מיטצורעדאקטירן די חודש שריפט און דאָס אייגענע ווען דער זשורנאַל „חשבון" האָט אַנגעהיין דערשיינען פריער ווי א יערלעכע אויסגאַבע, און נאָר אלס אַ געזעלשאַפטלעכע קולטור שריפט, איז אים פונדעסטוועגן אַנגעשטאַנען און ליב געווען מיטצורעדאקטירן און בייטראָגן אין יעדן נומער זיינע א ליד אָדער אן עסיי. און אַזוי ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז ער געווען אקטיוו פאראינטערעסירט, אז א יידישע שריפט, דאָ אין ל. א. זאָל קענען אַנהאלטן און פונקציאָנירן. מיר קענען עס ניט זאָגן וועגן אַנ־דערע שרייבער. מיט דעם וואָס רויזעמבלאַט האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַ לאָקאַלער אויסגאַבע, האָט עס בכל־אופן, ניט פאַרקלענערט זיין גלאָריע, און אויף אַ האָר ניט פאַרמינערט זיין גרויסן טאַלאַנט. וואָס עס באַווייזט אונדז נאָכ־אַמאָל און ווידעראמאָל, אז וואָס גרעסער איינעמס טאַלאַנט איז, אַלץ פשוט־מענטשלעכער איז זיין באַצי, צו זיינע קאָלעגען און מיטמענטשן. רויזענבלאַט האָט באַוויזן מיט מעשים, ווי אַזוי מע דאַרף זיך באַציען צום בן־אדם לחברו. ובכן, האָט מען אים טאַקע זייער ליב געהאַט, און זיך צו אים באַצויגען מיט גרויס יראת־הכבוד און דרך ארץ. און די ליבע צו רויזענבלאַטן האָט זיך אויך אויס־געדריקט פון זיינע פריינט און פאַרהערער, ניט בלויז אין לויב־ווערטער, נייערט אין מעשים: פון די 11 בענד לידער וואָס זיינען ארויס פון זיין טאַלאַנטירטער פען, זיינען 8 ביכער ארויסגעגעבן געוואָרן דאָ, אין לאָס אַדזשעלעס און יעדער ניי דערשינען בוך זיינס, איז אויפגענומען געוואָרן בכבודיק און מיט א סך פרייד.

דערמאָנענדיק די אויסגאבע פון די ביכער זיינע, וויל איך דאָ זאָגן, אז דער לעצטער, 11טער באַנד, וואָס רויזענבלאַט האָט איבערגעלאָזן, גרייט צום דרוק, און ער האָט, לײדער, ניט באַוויזן צו האָבן דעם נחת־רוח, צו זען זיין בוך אָפּגעדרוקט, איז איצט אַרויס פון דרוק; און איז ארויסגעגעבן געוואָרן, מיט

אסך ליבע און הברשע איבערגעבענקייט פון דעם ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט, וועלכער האָט אויך, דעם ערשטן יאָרצייט, מיט אַסך חשיבות און גרויס פאַר־עהרונג איינגעאָרדנט.

דער גרויסער עולם וואָס איז געקומען צו דער הזכרה, האָט באַוועזן מיט וויפיל ליבע, יראת־הכבוד און פאַרערונג, מיר האָבן אלע געהאַט, פאַר דעם גרויסן נפטר, דעם גרויסן דיכטער און ליבן מענטשן — ה. רויזענבלאַט.

כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

י. פּ.

---

**ה. רויזענבלאַט**

# קאליפאָרניע

.... אין מדבר האָט זי אויפגעבליט,
אין א חלום זיך פארוואנדלט.
ווי אהרנס שטעקן, האָט אין זאמד,
דער דאָרן זיך צעמאנדלט.

אין סליאד פון רעדער, איינגעשפּאַנט
אין בוידן קאַראַוואַנען,
ארויסגעשוואומען זיינען שטעט
און דערפער — סטאַיעס שוואַנען...

א נס — א אָדלער אויפן ווינט
מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען.
אין זאַמד, אין וויסן, בליאסקן אויף
אַאזיסן, ווי שפּיגלען...

און דו און איך, פאַרשפעטיקטע, —
צו זוכן ברויט און שלום —
געקומען זיינען דאָ אהער
אַ פּיתרון צו אַ חלום.

אַזוי איז אונדזער גורל שוין.
עס ניט שייך געדענקען
א חלום וואָס דו חלומסט ניט.
דאָס האַרץ גייט איין פון בענקען...

און אַז די בענקעניש טויכט אויף
אין מיין געמיט, דעם שווערן,
דערמאָן איך זיך אָן ים און אין
דער נאַכט מיט אירע שטערן . . .

דער ים איז אַלט, זיין פּנים — קלוג,
און ווי די שטערן — אייביק.
און דאָס וואָס ער דערציילט איז וואָר,
און איך . . . בין פרום און גלייביק!

די זון פאַרגייט ביים מערב־ראַנד,
די וואָלקנס זשאַרן צונטער . . .
איך נעם אַרום די זון און גיי
מיט איר אין איינעם אונטער.

די וועלן וויגן, וויגן מיך
און שעפּטשן: שלוה! שלום!
איך דרעמל, דרעמל איין און ווער
אַליין אַ מדבר־חלום . . .

(פון זיין לעצט דערשינען בוך „פאַר־נאַכט")

---

**וו. נאַטאַנסאָן**

## ה. רויזענבלאַט

(דאָס פּשוטע וואָרט און די אָנגעלאָדענע שורה.) *

**וועגן זיין אייגענער ספּעציפישער פּראָסטקייט און ברייטקייט וואָס מאַני־פעסטירן זיך אין זיין דיכטונג, זינגט ה. רויזענבלאַט אין זיין ליד „בייקע":**

איך בין דיין זון — דעם מילנערס זון,
און פּראָסט ווי דו און דיינע.
און לשון ברייט — פּאַדאָליער סטעפּ,
און פּשוט ווי אוקראַינע —
איך בין דיין פליש און בלוט און קאָן
פון דעם זיך ניט באַפרייען.
דאָס לעבן מיינס אַ וואַסער־מיל,
דאָס ליד מיינס ברויט מיט קלייען.

---

* אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט.

אין זעלביקן ליד דערציילט אונדז דער דיכטער, אַז זיין מאַמע שטאַמט פון אַ שטעטלשער פּאַראַרעמטער משפּחה; זי איז קלוג, שיין און וואוילקענעוודיק.

די האָט מיטגעבראַכט פון ד׳רהיים
ראָמאַנען אויף צו לייענען
און פלעגט זיצן דורך די נעכט,
זיי בלעטערן און וויינען.

און זיין זיידע האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ דרעמל אויפן בוידעם, אָבער אויך

אַ חלום טאָן! ניט ווייט פון דער ערד
און נענטער פּאָרט צום הימל.

דעם זיידנס חלומען ניט ווייט פון דער ערד און נענטער פאָרט צום הימל, כאַראַקטעריזירט ביז אַ גרויסן גראַד רויזענבלאַטס דיכטונג. טראַגנדיק זיך אַליין און אויך אונדז אויף די פליגל פון חלומות אין די הויכע הימלען, דערפילט ער אָבער און לאָזט אויך אונדז דערפילן די זאַפטיקייטן פון די טיפן פון ערדישע אָפּגרונטן. אין זיינע לידער געפינען אויך אַן אָפּקלאַנג די פרומקייט און שטילקייט פון זיין באָבע האָדל, וואָס איז געווען:

אַ פרומע און אַ שטילע.
צומאָל קיין דאַווענען ניט געקענט,
קיין טייטש־חומש אפילו.

ער לאָזט אונדז אויך הנאה האָבן פון דעם אַראָמאַט פון אירע „ברויטעלעך־בוקעטן" —

צו אַכציק פלעגט זי נאָך אַליין
אַ דייזשע ברויט פאַרקנעטן,
און אויפגיין פלעגט דאָס טייג ווי שוים,
אין ברויטעלעך־בוקעטן.

דאָס גאַנצע ליד „א באַיקע" וואַרפט אַ ליכט־שטראַל אויפן ליד „פון טיפן ברונעם".

די לעצטע שורות פון „פון טיפן ברונעם" לייענען זיך:

און אומעטום וואוהין איך בין געקומען
האָב איך אין מיינע רייד געבראַכט —
די טונקעלע שטילקייט פון דעם ברונעם,
דעם דופטיקן וויספּער פון דער נאַכט.

דאָס איז דער ברונעם, וואָס אין זיין טיפן בלויען וואַסער האָט זיך א שטערן געשפיגלט די גאַנצע נאַכט, און

פאַרטאָג האָב איך אַן עמער וואַסער אָנגעשעפּט זיך,
איך האָב דעם שטערנס ליכט צו זיך אין הויז געבראַכט.

אָבער דאָס דאָזיקע שטערן־ליכט האָט ניט בלויז דאָס הויז געליכטיקט, נאָר

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָט אומעטום אין אַלע גאַסן
ביי מיר פון אויג דאָס שטערנליכט אַרויסגעשטראַלט.

דאָס דאָזיקע שטערן־ליכט, וואָס שטראַלט פון זיין אויג אַרויס, פילט אָן זיין נשמה מיט רחמנות צו די דריי בעטלער, וואָס נאָר איינער פון זיי זעט — און אויך ער אפילו זעט בלויז אויף איין אויג.

עס איז אַ מאָדנע דיכטערישע דריי־איינציקייט פון בעטלער:

דריי קוויטיקע בעטלער מיט איינאיינציק אויג.
דאָס אויג געהערט דעם בעטלער דעם דריטן.
די בלינדע צוויי גייען — דער רעכטס און דער לינקס,
און דער מיטן אויג — גייט אינמיטן.

און דאָס וואָס דער מיטלסטער זעט אויף גאָטס וועלט,
דאָס גיט ער די בלינדע צוויי איבער.
עס טראַכטן די בלינדע: מגזמ׳ט ער נישט?
דער חשד טוט אין האַרץ אָפּט אַ פּיבער . . .

דער אָנמערק פון דיכטער אַז „די דריי בעטלער מיט איין אויג” איז אַ באַלאַדע פון היינטיקע צייטן, רופט אַרויס אַ חשד, צי איז ניט דער דיכטער מרמז אויף דער גרויסער צאָל בעטלערס אין גייסט, וואָס די מענטשהייט פאַר־מאָגט אין צייטן ווען מאַטעריע געוועלטיקט איבער גייסט, און קולטור בוקט זיך צו ציוויליזאַציע. דאָס זיינען בעטלער־בלינדע אין אויסקוק און וועלט־באַנעם, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף עמיצנס איין־אויגיקער זעעוודיקייט. די דאָזיקע באַלאַדע דערמאָנט אונדז אין דעם אויסגעשריי פון פרצ׳ס לאה (אין „די גאָלדענע קייט”) וועגן איר נאָר וואָס געבוירן קינד. דאָס קינד פאַרמאָגט גרויסע אויגן וואָס קוקן, אָבער זעען ניט.

וועגן דער טראַגיק פון די וואָס זיינען מיט בלינדקייט געשלאָגן געוואָרן, זינגט דער דיכטער:

ס׳איז פרילינג. עס שפּראָצט און עס גרינט אויף גאָטס וועלט.
דער וואַלד אַ פאַרשנייטער אין בליטן.
איין בלינדער גייט רעכטס, און איין בלינדער גייט לינקס,
און דער מיטן אויג — גייט אינמיטן.
ווי שיין איז גאָטס וועלטל! זאָגט דער מיטן אויג:
חלומות! חריפות! חידושים!
און ס׳וויינען, אין בלינדקייט, די חושים.

— — — — — — —

דאָס איינציקע אויג — דאָס בשותפותדיקע ליכט
זאָל גאָט דיי פון אומגליק באַהיטן!

דאָס שטערן־ליכט, וואָס האָט אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויסגעשטראַלט פון דיכטערס אויג, איז אים בייגעשטאַנען זיין גאַנצן לעבן, ווען נאָר די דיכטערישע

שעפערישקייט האָט אים אונטער אירע פליגלען אַרונטערגענומען. אויפגעלויכטן זיינען דעמאָלט פאַר אים דער עיקר דער אומעט און צער, די בענקעניש און אַליינקייט וואָס נעמט דורך די לעבעדיקע ווי אויך אומבאַלעבטע וועלט. זיין נשמה ווערט אויפגעציטערט זייער אָפט פון די יסורים און פיינען וואָס ער הערט אַרויס און דערפילט אין גאָטס באַשאַף.

אין די טונקעלע ברוינע אויגן פון אַ פערד דערזעט ער אַן אַ שיעור אומעט, אונטערטעניקייט, הכנעה, פינצטערע סבלנות, צער און מסירת־נפש. דאָס פערד טוט אַ בליק פאַר אים ווי דע רסימבאָל פון אַלע אין דער וועלט וואָס טראָגן אין זיך דעם גאַנצן אומגליק פון דער שווייגנדיקער ערד.

אַזוי פיל אומעט אין די טונקל־ברוינע אויגן פון דעם האָרעפּאַשנעם פערד.
ער קען אים אין די ביינער, אינם בלוט ביי זיך אַפּנים ניט דערטראָגן.
איז שלעפּט ער אים נאָך זיך, ווי שווערע משא אָנגעלאָדן אויפן גרויסן וואָגן,
וואָס סקריפּעט, קרעכצט און שניידט זיך מיט אַלע רעדער אין דער ערד.

דאָס ליד וועגן האָרעפּאַשנעם פערד הייסט „אַזוי פיל אומעט" און לאָזט אונדז דערפילן ניט נאָר דעם אומעט פון פערד, נאָר אויך דעם וועלט־אומעט, וואָס זיפצט אַרויס אין די לעצטע שורות פון ליד:

אַזוי פיל פינצטערע סבלנות אינעם אָנגעשטייפטן רוקן פון
דעם האָרעפּאַשנעם פעדר,
אַזוי פיל צער; מסירת־נפש אין יעדן שניט, אין יעדן קריץ,
אין יעדן קרעל,
וואָס די אכזריותדיקע בייטש האָט אויפגעשריבן,
איינגעקריצט ביי אים אין פעל — — —
מיר דאַכט: ער טראָגט אין זיך דעם גאַנצן אומגליק
פון דער שווייגנדיקער ערד.

אינעם ליד „דער ווילדער פויגל" דערטראָגט זיך צו אונדז דעם דיכטערס דערהער פון געוויין פון וואָרצל וואָס פינצטערט אין דער ערד:

דעם צער פון בלינדן וואָרצל
ערשט איצט באַנומען קוים,
וואָס קען אַליין ניט זען
ווי שיין ער איז, זיין בוים.

דאָס איז אייגנטלעך דאָס געוויין פון אַלע די וואָס געשלאָגענע מיט פיזישער אָדער גייסטיקער בלינדקייט, קאָנען ניט זען די שיינקייט פון די וואָס ציען זיך צום הימל, הגם זייערע וואָרצלען זיינען אין דער ערד.

דאָס שטערן־ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון צייט צו צייט פון דיכטערס אויג, וואָרפט אויך אַ שטראַל אויפן קוימען — דאָס איינציקע וואָס איז פאַרבליבן פון אַן אָפּגעברענט הויז אויף אַ באַרג ערגץ וואו.

אַליין דער קוימען שטאַרטשעט הונגעריק אַרויס
פון צווישן שוואַרץ־פאַרקנוילטן דרויב,
וואָס איז געבליבן אַלס זכר פון די אָפּגעברענטע ווענט.

אַט שטייט ער נאַקעט קעגן הימל, אויסגעטאָן פון דאַך און ווענט,
האָט נאָך ניט געהאַט קיין ביסן ברויט אין מויל.

אויגנבליקלעך ווערט נאַטירלעך דער קוימען פאַר אונדז אַ דערמאָנונג אָן דער אַליינקייט, אָפּגעריסנקייט און פאַרגעסנקייט וואָס באַפאַלט געוויסע מענטשן אויף אַלעמאָל, און יעדן איינציקן מענטשן אין געוויסע מאָמענטן פון זיין לעבן.

דאָס זעלביקע איז מיטן פאַרשעמטן בגד, וואָס אין זיין שמאַטעדיקער געשטאַלטונג ווערט ער מער ניט אויפגעהויבן פון בעטלער אפילו, און וואָס

דער שמאַטע קלייבער — ער אַליין
אַ שמאַטע — גייט פאַרביי
דאָס טראָגטע קלייד און קוקט עס אָן
און טוט אויף דעם אַ שפּיי.

אָבער דאָ דערזעט ה. רויזענבלאַט עטוואָס, וואָס קאָן נאָר אויפגענומען ווערן פון אַ דיכטערס פאַנטאַזיע, און נאָר פון איינעם, וואָס זיין האַרץ גיסט זיך צונויף מיטן האַרץ פון דער וועלט. ער דערזעט ווי:

אין לבנהדיקע נעכט,
בשעת עס שלאָפט די שטאָט,
בלינקט אויף אין שמאַטע קנויל אַ קנאָפּ,
אָן אויג, וואָס ווײנט פאַר גאָט.

און גאָט וואָס זעט דעם נכנע׳ס צער,
און פילט זיין שווער געמיט,
ער נידערט צו דעם הויף אַראָפּ
מיט ווייכע, שטילע טריט.

ער טוט דאָס שמאַטע־בגד אָן
און הילט זיך איין אין דעם.
אַ ווייסע ליכטיקייט שטראַלט אויף
ביי אים פון הינטערן ברעם . . .

די דאָזיקע וויזיע פון דיכטער וועקט טרייסט און בטחון אין די געפאַלענע און פאַרשעמטע ווענס אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָמענט פון זייער לעבן. זי שאַפט אויך אַן אינטימקייט אין די שייכותן צווישן מענטש און גאָט. דער מענטש ווערט באַשטראַלט מיט דער ווייטער ליכטיקייט וואָס שטראַלט אויף פון הינטערן ברעם פון גאָט וואָס קאָן פון די העכסטע הימלען אַראָפּנידערן צו דער ערד מיט ווייכע, שטילע טריט כדי צו דערהויבן און אָנפילן מיט מער חשיבות — אפילו אַ שמאַטע־בגד. גאָט, סימבאָליש איינגעהילט אין די פאַלדן פון אַ שמאַטע־בגד, רעגט דעם מענטש פון דאָס ניי צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זיינע אויפפירונגען צו אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום. ער ווערט דורך דעם געשטויסן צו רעווידירן זיינע באַגריפן וועגן מהות און חשיבות פון מין מענטש אין זיינע איינשטעלונגען בנוגע די שייכותן פון מענטש צו מענטש.

**א. אלמי** *

# יום-הדין

אין יום-הדין — אין מיטן-נאַכט — אין מיטן וואַך —
שטייגט-אויף פון פלאַם, פון ברוך און בראַך —
אַ ייד מיט פלאַקערדיקער באָרד
און גליענדיקן וואָרט
און שטרעקנדיק צו גאָט אַ ברענענדיקן מחזור —
הייבט ער זיין קול אויף — און אַ געביילטע פויסט:
— דו אכזר!
דיין רשעות, אל צבאות, האָט זיך אַנטפּלעקט, אַנטבלויזט
דורך דיינע פינצטערע שליחים פון בערלין —
דאָס האָסט דו דאָך, גאָט, דורך זיי, געשאָכטן מיינע זין
מיין ווייב און מיינע טעכטער!
דאָס האָסט דו דאָך, גאָט, דו קאָסמישער, באַזויפטער שעכטער,
געפירט אַ פאָלק צו דער עקדה,
ווי ס'האָט אברהם, אונדזער זיידע,
געפירט אַמאָל זיין זון — אויף דיין באַפעל.
זע, אונדזער בלוט איז אויף דיין שוועל!
אַלמעכטיקער, וואָס בין איך קעגן דיר? אַ וואָרעם,
ווי אַלע קדושים אין די קברים —
דאָך שטיי איך דאָ פאַר דיר אין פעלד,
אָן פחד — איך קלאָג דיר אָן
פאַר נאַכט און וועלט.
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אינעם קאָסמאָס ניט קיין רו געפינען
און אייביק זאָל דיך פייניקן דאָס איכה-ליד
פון ברענענדיקן ייד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען!

---

### * א פארדינסטפולער בעל-היובל

* צו דער פייערלעכער געלעגנהייט פון 65-יאָריקן געבוירנטאָג און 50 יאָר ליטעראַריש שאַפן, פון דעם באַוואוסטן דיכטער, שריפטשטעלער און עסייאיסט, א. אַלמי, ברענגען מיר דאָ צוויי פון זיינע לידער, ווי אויך אַ ציקל צוזאַמענגעקליבענע סענטענצן, פון א. אַלמיס אני-מאמין.

די קאָלעגן פון זשורנאַל „חשבון", ווי אויך אייערע פריינט און פאַרערער, שיקן איבער צו אייך, חשובער אַלמי, האַרציקע און וואַרעמע גרוסן און ווינטשן אייך פיל געזונט און נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן. — רעדאַקציע.

# חכמה

קוק זיך גוט ארום, בן־אדם,
צו דער ערד און צו דעם הימל:
וויפיל חכמה, וויפיל שיינקייט
איז פאראן אין קלענסטן בלימל.

וויפיל חכמה, וויפיל שיינקייט
אין דעם שטיינדל און אין גרעזל;
אין דעם וואסער־טראָפּ, אין פויגל,
אין דעם קראָליק און אין העזל.

ס'קלענסטע איז ביים בורא־עולם
אזוי חשוב ווי דאָס גרעסטע;
ס'נידעריקסטע, ווי דאָס העכסטע,
דאָס געמיינסטע, ווי דאָס בעסטע.

ווי ביים מענטשן איז גלייך חשוב
יעדעס גליד זיינס, אלע גלידער;
ווי אלע אותיות און ווערטער
זענען הייליק גלייך אין סידור.

וואָרן אלץ איז איין הארמאָניע,
אלץ פארוועבט איז אין גאָטס מוסטער —
אזוי זאָגט אני הקטן,
איך, רב יוחנן דער שוסטער.

## סענטענצן פון א. אלמי'ס אני־מאמין

די אוניווערסאַלע דיקטאַטור און דער קאָסמישער סנאָביזם לגבי די מי־ליאָרדן ברואים באַליידיקט דעם מין מענטש.

---

טראַכטן צוליב טראַכטן איז אפשר ניט ווייניקער באַרעכטיקט ווי קונסט צוליב קונסט.

---

איך האָב זיך אַלעמאָל פאַרגעשטעלט די מענטשלעכע באַפרייאונג, ווי די באַפרייאונג פון ד ע ם מענטשן, פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט משיג זיין דעם מענטש, וואָס באַרימט זיך מיט גאָטספאָרכטיקייט, און ס'זיינען מיר דערווידער געווען די תפילות, וואָס גרויסן זיך מיט אימה, מיט ציטערניש, מיט פלאַטערניש. וואָס פאַראַ רעליגיאָזיטעט איז דאָס, אויב ס'איז דיקטירט פון מורא, אנשטאט פון פאָעטיש־פילאָסאָפישער באַוואונדערונג?

---

איך באַטראַכט מיין פילזייטיקייט ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. די וועלט איז פילזייטיק, אַלזייטיק, פילפאַרביק, פילקלאַנגיק. ליכט און פינצטערניש, געבורט און טויט. פון אויבנאויף זעען מיר אומעטום קאָנטראַסט, קאָנפליקט, ווידערשפרוך, אָבער פאַרטיפונג אַנטפלעקט פאַר אונדז האַרמאָניע. דער מענטש

— און אַוודאי דער מענטש וואָס לעבט אַ פול לעבן, עמאָציאָנעל און אינטע־לעקטועל — איז אין הסכם מיט דער נאַטור: ער איז פילזייטיק, אַלזייטיק, אומעטיק, פריילעך, גוטמוטיק, ברוגז, פאַרליבט, אַנטוישט, גלויביק, סקעפּטיש — ווי אַמאָל. דאָס אַלץ צוזאַמען איז די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. אַז אַ מענטש ווערט פאַרגליווערט אין איין צושטאַנד, אין איין שטימונג, ווייסט מען, אַז ער איז פּסיכיש קראַנק.

---

כ׳בין שטענדיק גרייט — יעדן טאָג און יעדע שעה פאַרן לעצטן טאָג — פאַר דער לעצטער שעה.

---

נישט אין געפינען, נאָר אין זוכן, זוכן אין דעם אייביקן, און אומאויפהער־לעכן, צאַפּלט זיך די גרויסע פרייד.

---

אין דעם זוכן זיינען אַלע גוטסקייטן און שיינקייטן.

---

אין דעם זוכן זיינען אַלע וועלטן.

---

זאָל באַשערט זיין דאָס אייביקע זוכן
דאָס אייביק ציען זיך צו ווייטע אומבאַשטימטע צילן.

---



שופר בלאָזן — בערל סאַטט

באַוואוסטער יידישער סקולפּטאָר פון האַלף־שניץ, איז א תושב אין לאָס אנדזשעלעס זינט 1928. זיין קונסט אלבום „א יידיש שטעטל", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער קונסט וועלט, איז שוין מער נישט צו באַקומען. ס׳האָט זיך איצט פאַרמירט אַ קאָמיטעט ארויסצוגעבן א נייעם קונסט אלבום פון זיינע בייסטע שאַפונגען.

מלכה חפץ טוזמאַן

## צי ווייסט זי דען —

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
זי קייקלט זיך אין טוי־באַהויכטן גראָז
אַראָפּ אין טאָל ?
אָט גלייך אַ גענדזועלע פון בערגל דאָ אַראָפּגעקומען.

דאָס קליידעלע ביז צו די קני פאַרנומען ;
צוויי ראָזע פיסעלעך אריינגעשטעקט אין לוזשע
און טשערעטעלעך נייאינקע געריסן.
צי ווייסט זי דען צואוואָס ?
נאָר אז גלאַטקייט האָט א לעק געטאָן די קליינע פינגער
און פרישער, גרינער גלאַנץ, א וואונק געטאָן צום אויג
האָט אַ גוטסקייט זיך אין איר צעקוועלט.

דאָס איז איר שפּירונג־וועלט.
איר גאַרע וועלט.

— — —

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
זי לויפט דורך טויען־קילן גראָז
ווען ווייסע בליעכצן ווי בשורות
לענגוים דעם טאָל אויף ביימער־שורות
האָבן זיך צעקלונגען ?
גלייך אַ העזעלע געקומען איז זי דאָ צושפּרינגען
צו שטעלן זיך אין צווייגן־שאָטן.
צי ווייסט זי דען צואוואָס ?
נאָר ווען בליטן־ווייסקייט
האָט דאָס קעפל אירם באַשאָטן
האָט זיך אַ פרייד אַ רונדיקע אין איר צעהעלט. —

דאָס איז איר ווייסע וועלט,
איר גאַרע וועלט.

— — —

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
זי פּלאָנטערט אום אין ווילדן גראָז?
אָט גלייך אַ קעלבעלע פון וועג אַראָפּגעקראָכן;
מיט פינגער אומגעדולדיקע ריטלעך טרוקענע געבראָכן
און ביי אַן אַלטן בוים
געבליבן שטיין?

מיט אַ שפרונג האָט זי אַ כאַפּ געטאָן
דאָס נידעריקסטע צווייגל,
געצויגן זיך אַרויף, אַרויף,
אָנגעכאַפּט אַ צווייגעלע אַ צווייט, אַ דריט,
איבער סוקעוואַטער קאָרע באַלאַנסירט
די ציטערדיקע טריט
און דערקלעטערט ביז צום בלויען טרוים —
צום ערשטן, רייפן פלוים.

ניין.
זי האָט דעם פלוים ניט אָפּגעריסן.
בלויז דאָס פנימל אַרויף פאַררייסן,
ווי אין טראַנס
ריטמיש לאַנג געפירט די ליפּעלעך איבער פרי

אַ זיסע מורא
האָט געהיים אין הערצל אירם געקוועלט.

דאָס איז איר טרוימענ־וועלט,
איר גאָרע וועלט.

— — —

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
פאַרמיטן איז פון איר דער גאַנג דורך גראָז?
אין איר וואונדערלעכער דאָלינע אַריין
איז איר פאַרווערט.
דאָרט דרייט אַן אויפהער זיך אַ פייערדיקע שווערד.
און זי
פון דרויסן־זייט אין לויער
אָנגעשפּיצט צום מינדסטן שאָרך דעם אויער
וואַכט.

ווײַנשל, פּלוימען דאַרף מען רײַסן.
באַרן, עפּל — פֿאַלן.
צווישן אָפּרײַסן און פֿאַלן
זיפֿצט דער עפּל דורך די בלעטער, דורך די צווײַגן.

דעם קלאַפּ נעמט דאָרטן אָפּ
די ערד.
איר
דער זיפֿץ פֿון אַלץ וואָס פֿאַלט געהערט.
דערפֿאַר
איז זי דער סייסמאָגראַף פֿון צער.
זי איז צו כּל־הפּײַנען אָנגעשטעלט.

דאָס איז איר זיפֿצן־וועלט,
איר גאָרע וועלט.

---

**אבא קליגער**

# בודהאַ און זײַן וועג צו לײַטערונג

— א —

אין מיט־זומער, 1956, ווען די לבנה איז געווען אין איר פֿולקייט, האָט זיך אָפּגעשלאָסן אַ תּקופֿה פֿון צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יאָר זינט דעם אויפֿקום פֿון גאָטאַמאַ בודהאַ ווי אַ רעליגיעז־עטישער פֿירער אָן דאָגמאַטישע כּללים, אַ לערער און וועגווייזער ניט פֿון אָדער פֿאַר אַ באַשטימטער גרופּע אָדער אומה, נאָר פֿון דער מענטשלעכער ראַסע און מין פֿון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען, אין וועמעס נאָמען ער האָט גערעדט. וואָלקנס האָבן אים ניט אײַנגעוויקלט, דונערן מיט ווינטן האָבן זײַן וואָרט ניט צעטראָגן, פּחד פֿאַר דער געטלעכקייט האָט ער ניט דערמאָנט.

איבער צפֿון און דרום אַמעריקע, אויסטראַליע, אייראָפּע און בעיקר אין אַזיע, וואו די השפּעה פֿון זײַן לערע איז שטאַרק ווי אַ לעבעדיקע עטיש־רעלי־גיעזע הדרכה, איז דער רונדער געדענק־יאָר געערט געוואָרן מיט גרויס פֿײַער־לעכקייט און חשיבֿות, ניט בלויז ווי אַ רערמאָנונג פֿון בודהיזם פֿאַר בודהיסטן.

אין טעמפּלען פֿון הויך־לומדות, אויף קאַטערדעס און פֿאָרומס איבער טעאָזאָפֿיע, מאָראַל, פֿילאָזאָפֿישן רײַנוויסן און רעליגיע, וואו נאָר מענטשן פֿון העכערן אינטעלעקט קומען זיך צונויף, איז דער דאָזיקער היסטאָרישער זעלטענער דאַטום געווען אַ ווענדפּונקט אין דעם געשיכטלעכן גאַנג פֿון דער מענטשלעכער קולטור אין איר העכסטן אויסדרוק. געלערנטע פֿון אַלע אומות, ניט־גלויביקע ווי גלויביקע, דענקער און אַפֿילו דיפּלאָמאַטן, האָבן ערנסט אַרומגערעדט דאָס געשעענע ווי די ירושה וואָס דאָס האָט געלאָזן פֿאַר דער וועלט. דער יום־טובֿ

פון גייסט איז געווען פולסירנדיק, ווי בודהאַ און זיין וואָרט וואָלטן ניט פאַר־עלטערט געוואָרן אין לויף פון צוויי און אַ האַלב־טויזנט יאָר וואָס טיילט זיי אָפּ פונם איצט, וואָס איז די מאַמע פון אַ נייעם פחד, די אַטאָמישע ערא, נאָר ווי זיי זאָלן טראָגן אין זיך פונם ווייטן אַמאָל די מאַגישע זאַלבן פאַר אַלע מענטשלעכע חולאתן.

אינמיט פון די גרויליקע אויפטרייסלונגען אין דער הייַנטיקער וועלט, פון האַס און פעלקערלעכע צעשפּליטערונג, האָט מען צום ווייפילטן מאָל געוואויגן און אָפּגעשאַצט די בודהאַ־ווערטן וויז־אַ־ווי די הייַנטצייטיקע דאָגמאַס און באַ־גריפן, ווי אַ פּאָזיטיווער וועג פון אַנהאַלט, פון אַ גייסטיק־קולטור־רעליגיעזע דערהויבונג.

ווער איז געווען גאָטאַמאַ בודהאַ און פאַרוואָס ווערט אים צוגעטיילט אַזאַ חשיבות מיט אַ געמיש פון יראת הכבוד? וואָס האָט אים, פון אַזאַ ווייטער עפּאָכע, אַזוי אַלוועלטלעך און אַלמענטשלעך באַליבט געמאַכט? פאַרוואָס דער פּלפּול אַרום אים, דעם גרעסטן פון אַלע מיסטיקער, צי איז ער דאָס וואָס נאָענט צו פינף הונדערט מיליאָן נאָכגייער גלויבן אַז ער איז — אַ דערהויבענער, אָדער ווי אַ טייל קנייטשן די שטערנס און דרינגען אַז בודהאַ איז אַ בעל־יאוש, אַ פּריידיקער פון עצבות און כפירה?

— ב —

די מסורה גיט איבער —

אַרום יענער צייט, אין אַ קיניגטום צפון־מזרח אינדיע, איבער די גרינע פליינען צווישן די גאַנגעס־וואַסערן און די ווייס־פאַרקלערטע הימאַלאַיען־בערג, איז געבוירן געוואָרן סידאַרטהאַ — דער שפּעטערער בודהאַ, אַ געראָטענער בן־יחיד צו זיין פאָטער, דעם אַלטן קעניג סודאַדאַנאַ פונם סאַקיאַ שבט.

האָט דער מלך געלאָזן אויפבויען פאַר אים פּאַלאַצן פון גרויס פּראַכט, זיי אַרומגענומען מיט זעלטענע ביימער, פלאַנצן און בלומען, אויף וועלכע ס׳האָט זיך ניט געטאָרט געפינען קיין פאַרוויאַנעט בלעטל. זיי אַלע אָנגעפילט מיט בלענדיק עשירות, תענוגים און פרייליכע יוגנטוואַרג. צווישן זיי האָט דער גע־צערטלטער פּרינץ פאַרבראַכט ביז אַרום צוואַנציק יאָר פון זיין עלטער.

לויט דער עצה פון ראַטגעבער און הייליקע לייט, האָט דער מלך מיט גרויס זאָרג געזוכט צו שיצן און באַהיטן דעם זון ער זאָל זיך ניט דערוויסן פון שלעכטס און ווי דאָס באַקעטע, ניט־באַפּוצטע לעבן זעט אויס מחוץ זיינע אָפּגעטיילטע פרייַלעכע געצעלטן. ער האָט ניט געוואָלט אַז סידאַרטהאַ זאָל זען די דרויסנוועלט אַנדערש ווי מ׳האָט אים איינגערעדט אַז זי איז צווישן זיינע צעגרינטע לוסט־גערטנער — די וועלט וואָס איז פול מיט זאָרג, שרעק, פּיין, חולאתן, הונגער, וועלכע מיידן ניט אויס אפילו מלכים.

אָבער דאָס ניט־פאַרמיידלעכע קען פון קיינעם ניט ווערן אויסגעמיטן און קיינער קען זיך פון דעם ניט אויסבאַהאַלטן.

געווען איז איינמאָל אַ טאָג ווען דער פּרינץ האָט אויסער זיינע פּאַלאַצן דערזען צום ערשטן מאָל אַ קראַנקן אַלטן בעטלער, באַדעקט מיט צרעת, וואָס

האָט זיך אומגעוואָלגערט אין שטויב און געהאַלטן ביי אויסגיין אין גרויסע יסורים. סידאַרטהאַ האָט מיט שרעק און שטוינען געפרעגט זיין טרייען קלוגן באַגלייטער ער זאָל אים דערקלערן צי „ווערן דען מענטשן אַזוי געבוירן?" וואָס מיינט עס אַז „אָט גייט ער שטאַרבן"? און איז דען ניט געגוג שפּיז פּאַראַן וואָס די ביינער שפּאַרן אַרויס פון זיין טרוקענער הויט? וואָס איז געשען ער זאָל אַזוי אויסזען?"

זיין באַגלייטער האָט געוואוסט אַז דער אַלטער, קראַנקער מאַן איז ניט איינער אין דער וועלט; אַז אַלע מענטשן, אַלע באַשעפענישן, אפילו פלאַנצן, געבוירן און וואַקסן מיט פיין, ווערן קראַנק, שוואַך, אַלט און פאַרגייען. האָט ער דאָס קלאָר געמאַכט זיין האַר אַז אַזוי און ניט אַנדערש איז פאַרגרייט דער סדר פון מענטשנס לעבן און אַז דאָס קען ניט ווערן אויסגעמיטן פון קיינעם אין דער וועלט.

מיט זיין ערשטן אַריינקום אין דער דרויסנדיקער וועלט האָט סידאַרטהאַ דערזען אינם אַלטן, קראַנקן בעטלער דעם גורל פון אַלע מענטשן. אים איז שוין מער ניט איינגעגאַנגען זיין געלעבט לעבן, זיין יונגע, באַליבטע פרוי, זיינע פּרינצלעכע פריינט, זיין שטאַנד און יחוס. נאָך אַ סך טעג און נעכט פון אָפּזונדערונג, נאָך פיל טראַכטענישן און אַריינקוקן אַן אָפּגעשלאָסענער אין זיך, האָט אויפגעשיינט פאַר אים אין אַ מוראדיקער קלאָרקייט די צעפייניקטע וועלט וואָס קען זיך ניט באַפרייען פון אירע פּלאָגן און מיט צער־פולע אויגן, פול מיט רחמים, געפרעגט ביי די געטער — צו וועמען מענטשן זיינען זיך מקריב, ברענגען מתנות, בעטן אויפריכטיק — פאַרוואָס נעמען זיי ניט אַוועק די ליידן, שוואַכקייט, עלטער, טויט.

אין פסאַלמען, אגדות, פרומע שמועסן, לידער, ווערט איבערגעגעבן ווי סידאַרטהאַ האָט אַרומגענומען די ערד מיט אַנגעטרערטע אויגן און פרעגנדיק געקוקט אין אַלע וועלט־זייטן: אפשר זיינען זיי, די געטער, אַליין הילפלאָז, קענען אַליין פאַר זיך גאָרניט טון, ווייניקער נאָך פאַר די ערדישע באַשעפענישן. זיינען זיי טויב? אויב ניט — גנאַרן זיי. אויב זיי, די געטער, זיינען ניט מכוח צו העלפן, ווער קען?

מיט „געטער" האָט סידאַרטהאַ, איידער זיין באַלויכטונג, געמיינט די דעוואָס וואָס האָבן צו זאָגן איבער די פילאָרטיקע נאַטור־עלעמענטן מיט וועלכע די אור־אַלטע בראַהמאַנישע גלויבנס זיינען פול. דאָס כלל־פאָלק פון זיין צייט, ווי אין אַלע צייטן, האָט ניט געוואוסט, צי ניט געקענט זיך דערהייבן איבער די געטער, וועלכע זיינען אין עצם אומבאַהאָלפענער פונם מענטשן. געטער ליידן אויך פון מענטשלעכע שוואַכקייטן. זיי זיינען וואָס זיי זיינען און האָבן ניט דעם „אַנרעג", די טרייבקראַפט ווי דער מענטש זיך אויפצוהייבן צו דער מדרגה העכער און אַריבער, סיידן זיי קומען פריער אַרונטער, גייען אַדורך אַלע נסיונות און וואָגלעניש. אויך דעוואָס, מלאכים, זאָגט זיך און „בהאַגאוואַד־גיטאַ", האָבן נטיות וואָס דאָס איז אַ מענטשלעכע טבע און אויך זיי זיינען ניט אַבסאָלוט אומשטאַרבלעך, ווי די וועדאַס דערקלערן אַז „ערשט נאָך בריאת עולם זיינען אויפגעקומען די געטער", דערפאַר ווייסן זיי ניט די סיבה, זיינען ניט אַלמאַכטיק.

סידאַרטהאַ, אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון זיין פריערדיק לעבן, דערווייטערט פון תענוגים און אַריינגעטאָן אין זיך, האָט מיט העלזע אַרומגענומען די הימלען און פול מיט רחמים, מיט צער באַטראַכט די אויסגעמוטשעטע לעבנס פון דער וועלט.

האָט ער פאַרביטן זיינע בגדי־מלכות אויף אַ געלן ראָק — דער צייכן פון אַ הייליקן וואַנדער־בעטלער, אַ „ביקשו״; זיין פרינצלעכע צירונג האָט ער אויסגעביטן אויף אַ ליימען טעפל פאַר בעטל־שפייז און אַזוי אין געהייט, אין אַ פינצטערער נאַכט פאַרוואַנדלט זיין זאָרגלאָז לעבן אויף היימלאָזן נע־ונד.

זעקס יאָר האָט ער געלעבט דאָס לעבן פון פיין און עלנט. אונטער דער איצט־פאַרהייליקטער „בודהי־בוים״ האָט ער אָן מידיקייט, אַ פאַרגאַנגענער אין דבקות, מיט פייערדיקע כוונות, געזוכט אין זיין התבודדות אַן ענטפער אויף דער חידה פון לעבן און טויט, פון אַלע וויטיקן וואָס זיינען אינצווישן, ביז אים איז איין געלונגען מיט זיינע אויפגעוועקטע כוחות פונאַנדערצורוקן דעם שלייער איבער די מיסטעריען און גענומען פון דאָרט די קרוין פון פולער באַלויכטונג, התגלות.

— ג —

בודהאַ האָט זיך מיט זיין אייגענעם נצחון ניט באַפרידיקט. ניט פאַר זיך האָט ער געזוכט די זאַלבן צו היילן צער, עלטער, טויט. איבערן אומעטיק־שווערן וועג פון יאוש און עצבות וואָס האָט אים אָוועקגעפירט פון דער רוישיקער וועלט, איז ער צוריקגעקומען באַשטראַלט מיט חכמה און געלייטערט, צוריק צו די אַלע וואָס גייען אַרום בעלאָדן מיט זאָרג, שווערקייטן, אָן אַן אויסוועג, אַ טרייסט פון געבוירנטאָג ביז טויט.

די לערע פון בודהאַ פאַרלייקנט ניט די בראַהמאַנישע עיקרים וואָס איז געווען דער לעבנס־שטייגער פון זיינע אָבות און צייט־מענטשן פון קדמונים. אויב די וועדאָס און אופאַנישאַדן, די הייליקע כתבים פון הינדואיזם, זיינען עסאָטעריש, נסתר׳דיק, פאַרן פאָלקס־מענטש, האָט בודהאַ געמאַכט פאַרדייטלעך דאָס פונדאַמענטאַלע וויסן פאַרן שכל הישר, אַז איטלעכער, ניט בלויז יחידי סגולה, זאָלן עס קענען באַנעמען און אָנווענדן אין זייער פירונג. כאָטש ער בוצט ניט די וועדאַנטישע רמזים פון בראַהמאַניזם, רעדט פון זיי בודהאַ אין אייגענע ווערטער אויף אַ קלאָרן, פאָזיטיוון אופן.

דאָס בראַהמאַניש וויסן רעדט פון אַן אַבסטראַקטע געטלעכקייט וואָס איז מיסטעריע און זעט אויס ווי דאָס וואָלט געווען מחוץ דאָס מענטשלעכע. דער רעיון וואָס פלאַטערט אָפטנס ווי אַ פויגל „איבער דער וואַסער־פלאַך״ קען עס אַזוי אָננעמען. אין אַלע זיינע רייד דערמאָנט ניט בודהאַ אַפילו מיט אַ רמז די „גאָטהייט״. ער האָט בכלל אַרויסגענומען פון זיין לשון דעם זילב „גאָט״ וואָס מאַכט גאָרניט העלער דעם זין און דאָס פאַרביטן מיט דער קלאָרער „אינערדיקער פאָטענץ — כוחות און מעגלעכקייטן וואָס דרימלען אין מענטש. מענטש איז אַלץ. אַלץ איז פאַראַן אין זיין טבע — שלעכטס און גוטס, פינצטערניש און ליכט. די פאָזיטיווע עלעמענטן, לערנט ער, דאַרפן ווערן אַרויסגעבראַכט, ווייל נאָר זיי באַשטייען, האָבן אַ קיום. די אַנדערע פאַרגייען.

וועגן „גוטער" רעדט בודהאַ אין אומגעפער אַזעלכע רייד:

בעט ניט, די פינצטערניש וועט פון דעם ניט ווערן העלער.
רעדט ניט צו דער שטילקייט וואָס קען ניט ענטפערן.
פּלאָגט ניט אייער פאַראומערטע געמיט מיט פרומען פּיין.
בעט גאָרניט פון געטער מיט הימנען, קרבנות, ווייל הילפלאָז
זיינען זיי. קיין אויסערע הילף איז נישאָ. אויך איז
נישטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך. אייערע הענט
שפּינען די פעדעם פון אייער אייגן גורל.

פאָלעמיקער, אויבנאויפיקע „קענער" פון בודהאַ און זיין לערע, זוכן אַרייג־טייטשן אין די און ענלעכע רייד יאוש, כפירה, אָפּלייקענונג פון אַ העכערער השגחה. בודהאַ, זעט אויס, האָט געוואוסט פון זיי איידער נאָך יענע האָבן זיך באַוויזן. אָט רעדט בודהאַ:

אַן אַלטער זאָג איז געזאָגט געוואָרן, אָ אַטולאַ —
ניט פון איצט, נאָר פון אַמאָליקע צייטן איז עס:
זיי באַרעדן דעם וואָס פּלאַפּלט אַ סך פּלוידערייען,
זיי באַרעדן דעם וואָס זיצט אַ שווייגנדיקער,
זיי באַרעדן דעם וועמעס רייד זיינען קאַרגע;
אַז אין דער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזוינער
וואָס זאָל פון וועמען ניט ווערן באַרעדט.

— ד —

אין וואָס באַשטייט די אַלצייטיקע אוניווערסאַלע גרויסקייט פון גאָטאַמאַ בודהאַ? וואָס איז אין תמצית די לערע זיינע וואָס לויכט דורך די בעפלען פון מילעניומס און וואָס קען ווערן קאָנדענסירט אין זיינע פיר הערלעכע אמתן? וואָס איז זיין דערקלערטער אני מאמין?

אין זיינע רייד „דער וועג צו לייטערונג" גיט איבער בודהאַ אין אַ קלאָר און פּייערלעך לשון דעם אלף־בית פון זיינע דערפאַרונגען וואָס קען פירן יעדן מענטשן צו דערהויבונג. ער רעדט פון די מענטשלעכע ליידן וואָס זיינען די סיבות פון גייסטיקער ירידה און ווי מ׳קען זיך פון זיי באַפרייען:

פון די בעסטע וועגן איז דער אַכטפאַכער,
פון די בעסטע אמתן זיינען די פיר ווערטער,
פון די בעסטע מידות איז אַ באַרוט געמיט,
פון די בעסטע מענטשן איז דער מיט אַן אָפן אויג.

די פּרטים זיינען אַז — לייד איז דער ערשטער אמת. דאָס לעבן וואָס איז איטלעכן אַזוי ליב, איז אַ לאַנגע אויסגעצויגענע גסיסה. נאָר יסורים מיט ווייען בלייבן. פאַרגעניגנס, ווי פייגל, צעפליען זיך. לייד איז די געבורטשאַפט; לייד זיינען די אומבאַשיצטע טעג און יאָרן; דאָס פייער וואָס צעפלאַמט די יוגנט קומט פון לייד; דער ווענד־פּונקט אין לעבן איז לייד; לייד זיינען די כמורנע

אויסגעקילטע יאָרן פון עלטער און דער טויט וואָס וואַרגט. צייט איז אינגאַנצן פול מיט לייד.

דער זוימען פון לייד איז דער צווייטער אמת. נישטאָ נאָך אַזאַ פייער וואָס זאָל ניט קומען פון גלוסטונג. די חושים, דאָס אומרואיקע געמיט און די זאַכן צווישן וועלכע די ביידע פלאַטערן אַרום הפקר, ווערן גענערט — טאַנצן ווי מאַטן אַרום אַ פלאַם. זיי צעטומלען און צעבלאָזן און בראַנדפייערן דעם פונק פון תאוה וואָס פאַרצערט דעם מענטש.

פריי־זיין פון לייד איז דער דריטער אמת. דאָס איז די אינער שלווה, די דערוועקונג פון דער „נשמה יתירה" וואָס, ווען זי האָט שליטה איבערן געמיט, די געדאַנקען, די געפילן, שטילט און צאַמט זיי — איז עס מנצח די אייגנזיכט, דעם עגאָאיזם, די קליינלעכקייט. לעשט מען אויס די אומגעזונטע, פייעריקע וועלענישן וואָס צעקאַליטן דעם מענטשנס לעבן; רייסט מען אויס ביי די וואָרצ־לען די קנאה וואָס ליגט איינגעקנוילט טיף אין געמיט — ווערט דער ברויז און אויפרעג שטיל און באַרוט. מענטש געפינט אויס וואָס מנוחה איז, וואָס שלום מיינט, וואָס אַזוינס איז גליק.

צו גרייכן דעם דריטן אמת איז דער אַכטפאַכער וועג וואָס איז דער פערטער אמת. אַכט שטאַפלען זיינען דאָ אין אים. דער וועג איז באַענט, איז גלייך און לייכט איז דאָרט צו טרעטן .ס'איז דער אַכטפאַכער וועג וואָס פירט צו מזל־ברכה, צו שלום, צו פרייד און בטחון.

דער ערשטער טרעפּ איז אַ ריכטיקע לערע לגבי אַ פאַלשע לערע. דאָס מיינט — לעבן פורכטיק פאַרן געזעץ לויט וועלכן אַלץ אין דער לעבעדיקער וועלט ווערט געפירט. ס'איז דאָס געזעץ וואָס רופט זיך דהאַרמאַ. זיך רייניקן פון נטיות וואָס, ווי דער ווינט צעטרייסלטביימער, אַזוי צעטרייסלען זיי דעם מענטשנס רו און געזעצטקייט; וואַכן מיט גרויס ערנסט איבער קאַרמאַ — מעשים וואָס שפינען דעם גורל פון יעדן איינעם און האָבן שליטה איבערן גוף און אַלדאָס גופישע, ווי אַן אַנטרייבער האָט שליטה איבער זיין פערד און וואָגן.

דער צווייטער טרעפּ איז אַ רעכטער תכלית לגבי אַן אַ תכלית. דאָס מיינט — פריינטשאַפט צו אַלץ וואָס לעבט און ווי אַ קנויט וואָס ברענט זיך אויס, לאָזן אויסגיין שנאה, קנאה, צאַרן. לייכטער וועט ווערן דער יאָך פון לעבן.

דער דריטער טרעפּ איז רעכטע רייד לגבי שלעכטע, נאַרישע רייד. היטן די ליפּן ווי מ'היט דעם אַרויס־און־אַריין צו אַ דערהויבענעם מאַן. ווערטער, ווי פּערל, זאָל זיין קאַרג; זאָלן זיין גוט און אנגענעם.

דער פערטער טרעפּ איז אַ רעכטע הדרכה. זאָל יעדע אַנגעטוענע זאַך אָפּווישן דעם פריערדיקן פגם און מאַכן דאָס גוטע בעסער. זאָל דורך מעשים טובים אַרויסשיינען דאָס גוטע אין מענטשן.

די פיר אַנדערע טרעפּ פון אַ רעכט לייטערונג, אַ רעכט געמיט, אַ רעכטע השגחה אויף זיך און רעכט דענקען — פאַריאָגן פרעמדע מחשבות — טרעטן בלויז די וואָס זיינען פריי פון ערדישקייט.

פון די־אַ פיר אמתן באַשטייט בודהאָס לערע און צוואה. דורך זיי איז ער עס געוואָרן אומשטאַרבלעך און פאַרערט פאַר אַלע צייטן, אפילו דער איצטיקער

דענקער, מיסטיקער און באַהאַוונטע אין דער חכמה פונם אַלטן מזרח לערנען פון דעם אויך היינט אַז פון זיי קען געלייטערט ווערן דער מענטש ווי אַ יחיד און ווי אַ כלל און ריין־מאַכן די וועלט אונדזערע פאַרן שבת־שבתון, נירוואַנאַ וואָס וואַרט באַם סוף פונם אַכטפאַכן וועג צו לייטערונג.

---

**מ. פּערעלמוטער**

## חשבון

דאָס שטיל געוויין פון גרויסע קינדער
ווערט אָפּגעוויגן טרער נאָך טרער:
דער חשבון פון דעם גראַנד־דערפינדער
באַפּרוכפּערט מאַרגנדיק געבער...

ער מעקט אויס, אָפּטמאָל, ווי אַ שטיפער
אַן איינגע'עקשנ'טן בעל־חוב
און טיילמאָל שטעלט ער אויס אַ ציפער
ערשט אויף להבא אַן אַדערויף.

## האָסט אויסגעוויילט שאָטן

דיין שטיבל ליגט חרוב,
די סטעזשקע צום טויער פאַרווישט
און דו, אַ מטורף,
פאַרביטן האָסט קרן אויף נישט...

ס'איז גאָרנישט פאַרבאָטן —
נאָ, נעם, וואָס דו ווילסט נאָר אַליין:
האָסט אויסגעוויילט שאָטן, —
פאַרביטן דעם יאָ האָסט אויף ניין...

## צו אַ פּאָעט

ס'איז שפּילעוודיק דיין לשון,
ס'איז שפּיגלדיק דיין בילד:
מיין דורשט ס'האָט ניט געלאָשן,
מיין הונגער — ניט געשטילט...

קאָלירן, קלאַנגען זינגען
אין דיין פאַנטאַסטיש ליד.
צי האָט עס דען פאַרגרינגערט
דעם שטיין אויף מיין געמיט?

דעם שפּור, דעם לאַנג־פאַרווישטן
פאַרלאָרן האָסט אין וואַלד:
דיין ליד, אַן זיך, אַן נישטער,
סע לאָזט מיך פרעמד און קאַלט...

**נח גאָלדבערג**

# ד ע ר  אַ ל מ ע ר

דערציילונג

אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט איז ר׳ בערע, דער סטאָלער, אַ הויכער און דאַרער ייד, מיט אַ געדונצלט פּנים און לאַנגער, ווייסער באָרד, געקומען פון שול אַ דורכגעגומענער פון פראָסט און הונגער. פּאַמעלעך האָט ער געעפנט די טיר פון זיין שטיבל און דערפילט ווי די אַרומיקע פוסטקייט האָט אים ווידער אַרומגענומען און אַ קלעם געגעבן ביים האַרצן.

נאָר באַלד האָט ער אויפגעזוכט אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דאָס לעמפל מיטן פאַרקאָפּטשעטן גלעזל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דערמיטן סטעלע אויף אַ געפלאָכטענעם דראָט. דער געלבלעכער שיין האָט אים אַ שניט געטאָן אין די וואַסערדיקע אויגן. דער שאָטן פון ר׳ בערעס הויכער פיגור איז מיטאַמאָל אויס־געוואַקסן צען מאָל אַזוי די לענג ווי אין דער אמתן. אַ האַלבער גוף האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. דער אַנדער האַלבער — אויפן נידעריקן סופיט, אָנגעשלאָגן זיך מיט קאָפּ אַזש אין דער צווייטער וואַנט און איז דאָרטן געבליבן הענגען אַזאַ באַוועגלאָזער, אומעטיקער און שטילער, ווי דער באַלעבאָס זיינער.

נאָכן אָפּמאַכן הבדלה האָט ר׳ בערע אַריינגעלייגט אין אויוון אַ פּאָר שייטלעך האָלץ, צו זיי — צוגערוקט אַ ביסל טרוקענע שפּענדלעך און אָנגעצונדן. ביז דאָס האָלץ האָט זיך צעברענט, דערווייל אָפּגעשיילט עטלעכע קאַרטאָפל, דאָס אָפּגע־וואַשן, צעשניטן אויף דינע רעדעלעך, אַריינגעלייגט אין אַ ליימענעם טעפּל, אָנגעגאָסן וואַסער און צוגעשטעלט קאָכן אַ בולבע־יויך, מיט אַ שטיקל טוקעווען שמאַלץ.

ווען דאָס געקעכץ איז פאַרטיק געוואָרן און איבערן שטיבל האָט פאַרשמעקט מיט וואַרעמער אכילה, האָט דאָס ר׳ בערע אַריינגעטאָן אין אַ טיפער, הילצערנער שיסל, געוואַשן זיך די הענט און גענומען זיך צו דער סעודה.

אָבער דאָס עסן איז אים פאַרט ניט איינגעגאַנגען. צווישן איין שלונג און דעם אַנדערן האָבן אים אין די אויערן אָנגעהויבן קלינגען דעם רב׳ס רייד, וואָס האָט באַלד נאָך מעריב געזאָגט, אז „היינט וועט די שטאָט אויסגעבן כאַשקע די יתומה פאַר איטשקע דעם לאָמען אונטערשמייסער״, וואָס איז אינדערפרי צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויפגערופן געוואָרן צו דער הפטורה.

און ר׳ בערע האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז דער רב פון שול האָט זיך ניט געערעכנט דערמיט וואָס איטשקע דער לאָמער האָט אפילו ניט געקענט מאַכן די ברכות ווי ס׳געהער צו זיין. דער רב אַליין איז אַרויף אויף דער בימה באַלד נאָך מעריב און געזאָגט צום עולם:

— אויב אין אַ שטאָט געפינען זיך צוויי קיילעכדיקע יתומים, דאַרפן זיי זיין פאַררעכנט ביי אַלעמען ווי אייגענע קינדער. איז אַזוי ווי מיר גיבן זיי היינט אויס, איז אַ גרויסע מצוה אַז יעדער ייד זאָל זיי קומען צו הילף מיט וואָס איינער קען.

אַ היפּשע ווײַלע איז ר׳ בערע דער סטאָלער געזעסן איבער דער שיסל בולבע־יויך און דער קאָפּ האָט זיך אים געשפּאָלטן אויף שטיקער. אויך ער האָט געוואָלט באַהילפיק זײַן די אָרעמע חתן־כלה, ברענגען כאָטש עפּעס אַ שטיקל דרשה־געשאַנק און ניט געהאַט וואָס.

דער לעצטער געדאַנק האָט אָפּגעטויט זײַן אַפּעטיט צום עסן. האָט ער אַוועקגעלייגט דעם לעפל, מיט זײַנע שטאַרע אויגן אַרומגעקוקט זיך איבערן שטיבל און געטראַכט: אפשר אַוועקפירן אַהין די האַרטע קאַנאַפּע, צי דאָס טישל, אָדער אַ טובאַרעטקע? און באַלד געכאַפּט זיך, אַז ס׳טויג ניט. מחמת ער אַליין וועט דאָך ניט האָבן אויף וואָס צו שלאָפן, אויף וואָס צו זיצן כּדי צו קענען אַרײַנקוקן כאָטש אין אַ קאַפּיטל תהלים.

אָבער מיטאַמאָל איז זײַן בליק געפאַלן אויפן אַלמער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געפּוסטעוועט. אין ר׳ בערעס מוטנע אויגן האָבן זיך פלוצים צוויי פײַערלעך צעפלעמלט. די בלאַסע באַקן, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון דער ברייט און לענג צעוואַקסענער ווייסער באָרד, זײַנען, דוכט זיך, באַ־פאַרבט געוואָרן מיט אַ רויטלעכער פאַרב.

איז ער ראַפּטום אויפגעשטאַנען פון טובאַרעטקע, צוגעגאַנגען צום אַלמער, מיט ציטער אין די פינגער געגלעט דעם אַלטן פּאַליטור אויף אים. ר׳ בערע האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי דער אַלמער שטייט נאָך אויף אַלע פיר פיסלעך — האָט ער אים אַ טרייסל געטאָן. דערנאָך אַ צופרידענער צעפראַלט די צווייענדיקע טירלעך און אין פּנים האָבן אים אַ שטאַר געטאָן די הענגערס, וואָס האָבן אויס־געזען ווי אויסגעבויגענע פינגער מיט די נעגל אויף אַרויף.

אין אַ ווינקל אַלמער איז אויף איין „פינגער״ נאָך געהאַנגען זײַן ווײַבס אַן אַלטער, אָפּגעקראָכענער מאַנטל און דערבײַ — אַ וואַרעמע פאַטשיילקע, וואָס איז פאַרבליבן ווי אַ זכר פון די אַמאָליקע יאָרן, ווען דער אַלמער איז געווען אָנגעפילט מיט רייזעלעס בליוזקעס, קליידלעך און מאַנטלען. אויך זײַן אַטלע־סענער סורטוק, וואָס זי האָט אים געלאָזט אויפנייען צו דער חתונה, מיטן שוואַרצן פאַלטאָ, זײַנען אַלעמאָל געהאַנגען נעבן אירע קליידער אַזעלכע ריינע, אָפּגעפּולעטע, און דערציילט פון אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן.

פון דער דעראינערונג האָבן זיך בײַ ר׳ בערען אין די אויגן געשטעלט טרערן. האָט ער אַרויסגענומען רייזעלעס קליידל, אויפגעהאַנגען אויף אַ טשוואָק אין וואַנט אַנטקעגן זײַן קאַנאַפּע, אַז ער זאָל אָפט קענען קוקן אויף דעם. מיט דער פאַטשיילקע אַרומגעבונדן זיך דעם האַלדז, האָט ער צוריק פאַרמאַכט די טירלעך פון אַלמער און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

פונם שטעלכל האָט ער דערנאָך אַרויסגעפירט דעם שליטל, אים צוגעשלעפּט צום גאַניק פון שטיבל, אַרײַן אין אינעווייניק, קוים מיט צרות אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן דעם אַלמער, פאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן שליטל, אים איינגע־בונדן מיט שטריק. נאָכדעם אָנגעטאָן דעם פאַרלאַטעטן פאַלטאָ, אַראָפּגעצויגן די קוטשמע ביז איבער די אויערן, פאַרוואָרפן די שטריק פון שליטל צו זיך אויף די אַקסלען, אַ שטאַרקן צי געגעבן, און דער אַלמער האָט זיך גערירט פון אָרט, ווי דער ארון בײַ אַ שטילער לוויה.

פון ר׳ בערעס שטיבל ביז דעם רב׳ס הויז, וואו מע האָט איצט געפּראַוועט די חתונה, איז דער וועג געלאָפן אַ באַרג־אַרויפיקער, אַ שווערער. איז דער אַלטער ייד געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט דעם שליטל, און מיטאַמאָל האָט זיך זיין גאַנצער לעבן אַדורכגעטראָגן פאַר די אויגן.

אָט איז ער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן פון קאַרגע דריי און צוואַנציק יאָר, וואָס איז ערשט געוואָרן אַ חתן און געאַרבעט ביי ר׳ חנן די באָרד אין מאָסטערסקאַיאַ. נאָר די לעצטע עטלעכע חדשים האָט ער ביז שפּעט אין די נעכט געמייסטרעוועט פאַר זיך אַליין דאָ אַ טיש, דאָ צוויי בעטן, אַ בופעט, פיר שטולן און אַ דעמבענע קאַנאַפּע.

ביז צו דער חתונה האָט ער דערוויילט די פּאַרטיקע שטיקער מעבל אַריינגעשטעלט צו זיין כלהס עלטערן אין גרויסן אַלקער, און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַהין געבראַכט אַ נייע זאַך, האָט ער זי געפרעגט:

— נו, רייזעלע? ווי געפעלט דאָס דיר?

אַ שיין געוויקסיק מיידל, מיט אַן אַליווער הויט אויף איר איידעלן שוואַרץ־חנ׳עוודיקן פּנים, לאַנגע שוואַרצע צעפּ, מיט געדיכטע וויעס אַרום די טיפע, ברוינע אויגן, פלעגט רייזעלע שטענדיק שטיין בלייבן אַ פאַרשעמטע און מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן צום דיל ענטפערן:

— ס׳איז זייער שיין . . . דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָגן, אַז דו האָסט גאָלדענע הענט . . .

פון איר וואַרעמען אָטעם און איבערהויפּט — פון דעם רייצנדיקן שמייכל, וואָס האָט זיך צעוויגט אויף אירע פולע, רויטע ליפּלעך, איז בערע דאַמאָלס אַ פריילעכער אַרומגעגאַנגען אַרום די שטיקער מעבל, און אַרום רייזעלען, ווי אַ גאַלאַגאַנסקער האָן אַרום אַ „באַוואָטנער״ הון פאַרן פּאָקן זי, און מיט זיינע געזונטע הענט, וואָס האָבן אַלעמאָל אויסגעזען ווי צוויי דעמבענע לאָפּעטעס, האָט זי דער חתן געוואָלט אַרומנעמען און געבען אַזאַ מין דריק צו צו זיך, אַז ער זאָל דערפילן ווי אירע ביינדלעך טרעשטשען אונטער איר צאַרטער, מיידלשער הויט, אָבער גראָד איז פון אונטער דער ערד אַלעמאָל אויסגעוואַקסן איר מאַמע דערנעבן און כלומרשט אַ שטרענגע אָנגעשריגן אויף אים:

— וואָס איז, בערע? גייסט גאָרניט צו דער אַרבעט?... וואָס פּאַטערסטו צייט אויף גאָרנישט אַ? דו ביסט דאָך שוין אַ חתן . . . און פירסט זיך נאָך אויף ווי אַ ייִנגל!...

פאַרן וואָרט „חתן״ האָט זיך בערע פאַרשעמט. די שפּיצן אויערן האָבן זיך אים אָנגעצונדן ווי אַ העליש פייער. איז שוין זיין רעכטע האַנט צוריקגעפאַלן פון רייזעלעס דינער טאַליע. אַ זודיקע האָט זי אָנגעכאַפּט די קאַלטע קליאַמקע פון דער דרויסנדיקער טיר. אויף אַ רגע האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיט דער צעפּאַטלטער טשופּרינע צו זיין כלה, און געזאָגט:

— וואַרט, רייזעלע, וועסט נאָך זען וואָס פאַראַ אַלמער איך וועל דיר מאַכן!...

אויף דער האָט זי אים ניט געענטפערט. אויך זי איז ניט צופרידן געווען וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו אַרומנעמען זי אין צייט, איידער די מאַמע איז אָנגעקומען אין סאַלע. דעריבער האָט זי אים איצט בלויז צוגעוואָרפן אַזאַ

צוזאָגענדיקן בליק, אַז דעם גאַנצן וועג צו דער מאַסטערסקאַיאַ — איז ער געגאַנגען ווי אויף אויסגעבעטע פערענעס און אפילו ניט געפילט דעם באָדן אונטער די פּאָדעשוועס.

בערע האָט געהאַלטן וואָרט. אין איינעם אַ דאָנערשטיק אינדערפרי האָט ער פון דער באָענטער „ליעסאַפילנע" געבראַכט ליפּאָווע ברעטער, וואָס האָבן מיט זייער ליפּע־אַראָמאַט צעוויגט און פאַרכישופט די שווערע לופט אין „מאַסטערסקאַיאַ". דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם פאַרטוך, צעשניטן די ברעטער אויף זייטלעך, טירן, פראָנטן, דעקן, אַ וואַנט און קאַרניזן, און ער האָט אָנגעהויבן אָפּהובלעווען די שאַרסקע הויט פון זיי.

איינע נאָך דער אַנדערער האָט ער אַרויפגעלייגט אַ ברעט נאָך אַ ברעט אויפן ברייטן ווערקשטאַט, און פונם הובל האָבן זיך אַרויסגעשלענגלט לאַנגע, געקרייזלטע סטרושקעס, וואָס האָבן נאָך אַ היפּשע צייט געשמעקט מיט כלה־פרישטיק, מיט אונגע ליפּע, און הכנעהדיקע געפילן צום סטאָלערס פּיס.

אַז די אויבערשטע הויט איז שוין געווען גאַנץ גלאַטיק, האָט דער יונגער סטאָלער „אָנגעשאַרפט און אָנגעשטעלט דעם „דובולט" און דערמיט אַרויסגעכישופט פונם האָלץ גלייכע, „זיידענע לענטעס", וואָס האָבן זיך קוים־קוים געשרויפלט צו דער ערד, ווי די זיידענע סטרוזשקעס וואָלטן זיך ניט געוואָלט שיידן, ניט מיט די ברעטער און ניט מיטן זינגענדיקן „דובולט", וועלכער האָט זיי אָפּגעשיילט פונם האָלץ.

אין די ברעטער, וואָס בערע האָט באַשטימט אויף זייטלעך און דעקן, האָט ער מיט אַ שמאָל און דין־ציינעווודיק זעגעלע אויסגעשיפּעט „ציינער" מיט „מיילער". נאָכדעם אויסגעפּרובירט צי זיי פּאַסן זיך אַריין איינס אין אַנדערן, און אַ צופרידענער אַוועקגעשטעלט זיך אויפּקאָכן אַ געדיכטן סטאָליאַרסקן קלעי.

דערוויילן האָט זיין פריינט, הערשל „די דלאַטע", וואָס האָט געאַרבעט ביים צווייטן ווערקשטאַט, ממזריש פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, בגנבה געקוקט אויף בערעס פאַרשוויצט פּנים, אויף די פריש אָפּגעהובלעוועטע ברעטער, און אַ פריילעכער אָנגעהויבן זינגען:

אין דיינע אויגן, רייזעלע,
ברענט אַ פרומער פייער!
ברענט אַ פרומער פייער!
גיב זשע מיר דיין הענטעלע,
וואָס איז מיר אַזוי טייער!
גיב זשע מיר דיין הענטעלע,
וואָס איז מיר אַזוי טייער!

אַפריער האָט בערע געשמייכלט. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס זיין פריינט איז אים מקנא הלמאי ער איז שוין געוואָרן אַ חתן און יענער נאָך ניט. אָבער ווען הערשל האָט דאָס לידל איבערגעחזרט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, האָט זיך בערע דערפון אָנגעברוגזט. נאָר זאָגן עפּעס האָט אים איצט ניט געפּאַסט, ניט געוואָלט אַרויסווייזן אַז דאָס אַרט אים צו שטאַרק, און נאָך עקשנותדיקער געפירט דעם

„פּוגאַנעק“ איבער די קאַנטן. דערנאָך אַרויפגעשטעלט אַ קאַנט אויף אַ קאַנט, פאַרזשמורעט אַן אויג, געוואָלט זעען צי די קאַנטן זייַנען אַרויסגעקומען גלייַכע, צי עס איז ניטאָ קיין בערגעלעך, מיט גריבער אין זיי, און אָנגעהויבן צוזאַמענקלייַען דעם אַלמער, וואָס ער האָט צוגעזאָגט רייזעלען אַ מתנה.

ווען דער סקעלעט פונם אַלמער איז שוין געשטאַנען אַן אַרומגעכאַפּטער מיט אייַזערנע פּרענטעס, האָט בערע דערווייל אויפגעמאַכט צוויי קליינע שופלאָדן און אַרייַנגעפּאַסט זיי אין די אונטערשטע עפענונגען. אין דער מיט פון די טירן — אַרויפגעקלייַעט צוויי אויסגעשניצטע, קייַלעכדיקע „קנעפּ“, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוויי פּורימדיקע קויליטשן, און צוגעגעבן דעם אַלמער מער מאַסיווקייט און יידישן חן.

אַ פּאָר טעג האָט ער דעם אַלמער געשלייפט מיט גראָבן און נאָכדעם מיט גאָר דינעם גלאָז־פּאַפּיר. און ווען בערע האָט אונטער די פינגער דערפילט די סאַמעטענע גלאַטקייט פונם האָלץ, וואָס האָט געגלעט דאָס האַרץ, האָט ער דעם אַלמער „אָפּגעבייצט“ אויף אַ ברוינלעכן קאָליר, מיט שטיקער זעק און שמאַטעס דאָס גוט אויסגעווישט און גענומען זיך צום פּאָליטורן.

פאַרשטייט זיך, אַז רייזעלען אַ מתנה, האָט דער סטאָליאַרסקער חתן ניט געשפּאָרט קיין מי, און דעם אַלמער פּאָליטורט אַזוי לאַנג ביז דער פּאָרנט מיט די זייטלעך האָבן זיך צעגלאַנצט ווי אויסגעשליפענע שפּיגלען, און אָפּגעשפּיגלט בערעס לענגלעכן פּנים, די שאַרפע נאָז און די פיבקלדיקע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי די אויגן ביי אַ יונגן, געזונטן בוהיי, ווען ער דערזעט פונוויטן די ערשטע בהמה פון זייַן טשערעדע.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה האָט רייזעלע גענומען זייַן נייעם סורטוק, וואָס זי האָט געלאָזט אויפנייען פאַר אים, דעם שוואַרצן פּאַלטאָ, און אַרויפגעהאָנגען אויף די אויסגעבויגענע „פינגער“ אין אַלמער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער באַמערקט ניט און אַפריער לאַנג געגלעט די לאַנגע אַרבל פון סורטוק. דערנאָך זיי אַרומגעוויקלט אַרום איר שמאָלער טאַליע און, דוכט זיך, דערפילט דעם זעלביקן ציטער און וואַרעמקייט איבערן גאַנצן לייב, ווי די ארבל וואָלטן איצט ניט געווען קיין פּוסטע, נאָר בערעס קרעפטיקע און דאָך איידעלע הענט.

אַ פאַרשעמטע האָט זי זיך באַלד אָפּגעריסן פונם סורטוק, אויף גיך אָנגעהויבן אַרייַנהענגען אַהין אירע אייגענע קליידער, און איז געווען צופרידן וואָס דער אַלמער איז אַזאַ שיינער און גראַמער.

די צייט איז דערווייל ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. איין פּסח האָט געיאָגט דעם אַנדערן. איין ראש־השנה דעם צווייטן. די ערשטע עטלעכע יאָר האָט בערען מיט רייזעלען כמעט ניט געאַרט וואָס זיי האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. יונגע, געזונטע, זאָרגלאָזע און פריילעכע, זייַנען זיי געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין און ניט געטראַכט דערפון וואָס וועט זייַן.

נאָר מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען בערען האָט מען שוין פון לאַנג גערופן „ר׳ בערע“ און די לאַנגע באָרד זייַנע איז דורכגעוועבט געוואָרן מיט אומצאָליקע ווייסע פעדים, און אויף רייזעלעס אַמאָליקן שיין פּנימל האָט זיך אויסגעלייגט אַ קאַרב נאָך אַ קאַרב און אויסגעזען ווי אַ צעאַקערט פעלד, זייַנען

די געעלטערטע מאַן און ווייב אַפּט געבליבן זיצן ביים טיש — אומעטיקע, דער-שלאָגענע, און ניט געהאַט שוין דאָס האַרץ צו ריידן וועגן דעם, אַדער חלילה אויפוואַרפן אייבער דעם אַנדערן הלמאי זיי האָבן ניט באַוויזן צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט.

מיט זייער עלטערן זיך האָט זיך אויך דער אַלמער געעלטערט. ער איז געוואָרן געזעצטער אויף די קורצע פיסלעך. די לייסטלעך און קאַרביזן — אָפּגע-שפּרונגען אין אייניקע ערטער. אָבער דער פּאַליטור אויף אים איז געבליבן כמעט ווי געווען: לויטער און טיף, און ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז קוקענדיק אינם גלאַנציקן פּאַליטור, האָט ר׳ בערע אַרומגעצופּט זיך אַ ביסל די באָרד מיטן שערל.

אין מאַסטערסקאַיאַ איז שוין ר׳ בערע לאַנג ניט געגאַנגען. צוליב זיין עלטער און שוואַכן געזונט, האָט אים קיינער מער ניט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. און ווען אין שטיבל האָט אַנגעהויבן אויספעלן אַ שטיקל ברויט, האָט ער ביי זיך אין שטעלכל צונויפגעשלאָגן אַ „ווערקשטאַט" און פון צייט צו צייט געמאַכט אַ טישל, אַ טובאַרעטקע, און איבערהויפּט האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיט מאַכן קינדערשע וויגעלעך, וואָס ער פלעגט אַוועקטראָגן אויפן מאַרק צום פאַרקויפן.

מעגלעך, אַז אַזוי וואָלט ער אפשר מיטן ווייב ווי עס איז דערשלעפּט די לעצטע עטלעכע יאָר. נאָר אין איינעם אַ ביינאַכט האָט זיך רייזל אַריינגעלייגט אין בעט, אַ ווילע געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, דערנאָך צוגערופן איר מאַן און מיט פרומער שולדיקייט אין כריפּלען קול געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, בערע, וואָס איך האָב דיר קיין קדיש ניט געגעבן — און איז נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַוועק פון דער וועלט אַזאַ צאַרטע, איידעלע און שטילע ווי ביים לעבן.

ר׳ בערע האָט דאַמאָלס געוואָלט וויינען און שרייען: „רייזל! אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער?!" נאָר אַלץ איז אים מיטאַמאָל פאַרגליווערט געוואָרן און ער האָט אפילו ניט געקענט אַרויסברענגען קיין איינצלנע זילבע אויף די ציטער-דיקע ליפּן.

פון דאַמאָלסט אָן איז ר׳ בערע געבליבן איינער אַליין אין דעם פּוסט-געוואָ-רענעם שטיבל און האָט שוין מער קיין חשק ניט געהאַט אַריינגיין אין שטעלכל צו מאַכן אַ שטיקל מעבל. און ווען דער הונגער האָט אים אַ פּאַק געטאָן, האָט ער אַפּריער פאַרקויפט דעם בופעט, די צוויי בעטן, און צולעצט: ביי אַ וואָכער-ניק פאַרזעצט רייזעלעס לייכטער, און ער האָט דערפילט אַז מיטן אַוועקגיין פון רייזעלעס לייכטער איז אין ערגעץ אַוועקגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן אויף צוריק.

און איצט? דער ווינטערדיקער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד, אַראָפּגעוואָרפן פון דאָרטן דינע, יונגע פוכעלעך שניי, וואָס האָבן זיך אויף אַ רגע אַוועקגעזעצט אָפּרוען ביים אַלטן יידן אויף די צעשויבערטע ברעמען, אויף גיך צעשמאָלצן זיך, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיילעכדיקע, מענטשלעכע טרערן, וואָס האָבן אַראָפּגערונען אין די וואָנצעס, אין באָרד, און דאָרט איינגעפרוירן.

די פינצטערע גאַסן, די דעכער פון די הייזער און די פאַרקאַנעס, די ביימער

פאַר יעדן שטוב און שטיבל — אַלץ איז אײַנגעדעקט געוואָרן מיט אַ שנייאיקן לײַלעך. און דער אַלטער און הויכער ר׳ בערע האָט זיך מיטאַמאָל ווי אַנגעטאָן אין אַ ווײַסן קיטל, פונקט ווי ער וואָלט איצט אויף זײַן שליטל גאָר ניט געפירט רייזעלעס אַלמער צו אַ נייער כלה, וואָס דאַרף ערשט אָנהויבן דעם וועג פון אַ בשר־ודם, נאָר ווי ער וואָלט גאָר געגאַנגען ערב יום־כיפור אין שול דאַווענען.

---

חיים פעט

# פ ע ן - ש ט ר י כ ן

## מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט אברהם רייזען

ערשט קיין פולע וואָך ניט אַריבער, ווי איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און איך בין שוין אַרומגעגאַנגען אינם ייִדישן תחום פון „איסט בראָדוויי״.

און איינמאָל, אַזוי שפּאַצירנדיק, האָב איך אָנגעטראָפן אברהם רייזענען; אַ גלייכן, אַ דינעם, אַן אימפּעטיקן.

— אברהם רייזען! — האָב איך באַגייסטערט אויסגעשריען . . .

ער האָט זיך אומגעדרייט, מיך ליבלעך אָנגעקוקט — „ווער זענט איר, יונגער מאַן ?״ — איך האָב שטיל און פאַרשעמט געענטפערט: „כ׳בין ערשט אַ פּאָר טעג אין לאַנד, אַ גרינער! . . . ״ — „ווי אַזוי האָט איר שוין געטראָפן אַרום די רעדאַקציעס ?״ — „איך וואוין דאָ דערנעבען״. — „טאַקע ? אַ געזונט אין אײַך! פון וואַנען קומט איר פון יענער זייט ?״ — „פון ליטע״. — „טאַקע פון ליטע! נאַט אײַך נאָך אַ מאָל שלום. זיינען מיר דאָך לאַנדסלייט . . . פון וואָס פאַרא געגנט שטאַמט איר ?״ — ״פון גראָדנער״.

אַ שפּילכל גראָדנע! באַרימט מיט די גרויסע לומדים, שרייבער . . .

— איר קומט טאַקע פון גראָדנע גופא ? — ניין, פון אַ שטעטעלע וואָלפּי. — אין קלייניקייט וואָלפּי! באַרימט מיט דער אַלטער וואונדערלעכער שול. ווי איז אייער נאָמען ? — חיים פעט! — ס׳איז אייער אמתער פאַמיליע נאָמען ? ניט געביטן דאָ אין לאַנד חלילה ? . . . — ניין! — צו ווען זענט איר געקומען דאָ ? — צו אַ ברודער. — — — ער האָט מיך אַדורכגענומען מיט זיינע טיפע וואַרעמע אויגן — איר שרייבט ? — יע, האָב איך שטיל אַראָפּלאָזנדיק די אויגן געענטפערט. — לידער אוודאי ? — ניין, דערציילונגען. — דערציילונגען ? האָט זיין שטים געקלונגען יונג . . . איר האָט עפּעס געדרוקט ? — איך האָב אַרויסגעכאַפּט דאָס דין זשורנאַלעכל . . . אברהם רייזען איז געבליבן שטיין אין מיטן גאַס און געלייענט אויפן קול. און מיין פרייד איז געווען גרויס אין ציטערניש . . . —

ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט — חיים פעט! אַ געזונט און אַ לעבן אויף אײַך. איך אייל זיך אין רעדאַקציע. קומט מיך זען מאָרגן אין קאַפע פון די שרייבער. איר זענט פון אונדזערע גרויסע ייִדישע זין! . . . — ער האָט מיר געדריקט די האַנט. און מיט די טרעפּ אַרויף צום „פאָרווערטס״.

יענער טאָג איז פאַר מיר געווען דער ערשטער רינג אין דער לאַנגער קייט — מיין באַקאַנטשאַפט מיט אברהם רייזען. — — —

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

# באווייז א נס

מיינע אויסגעוויטיקטע ווערטער,
שטילע, פאַרדאגהטע רייד;
פאַרנעם, מיין זיסער באַשערטער,
מיין טיפע געפונענע פרייד.

פראָסט זיינען די ברעטער
פון מיין פשוטן טיש;
טאָ נעם, מיינע דורכגעליטענע ווערטער,
וואָס קלעטערן צו גאָט פון דער טיפעניש.

אין פיבער איבער יעטוועדן אות,
איך פּרואוו זיין געשטים, זיין געליוטער;
איך שלים אויף זיין פאַרכישופטן שלאָס,
און שמיד זיין גאָלדענעם וויטער.

איך שפּין דיך און פלעכט דיך צוזאַמען,
מיט אַ נייעם געפיבער צו ברענען;
מיט זאָרג פון אַ פאַרדאגהטער מאַמען,
טן איך דיך ווידער דערקענען.

כ׳שטויב אָפּ דעם אַש און דעם פאָרעך,
כ׳צעגלי דיך אין פייער פון טראַכטן;
אַ שעפטשען, אַ פלאַטערן, אַ שאָרעך —
אויף פליגל פונם וואָרט אויסגעדאַכטן . . .

אָ, וואָרט מיינס, געדענק מיך, פאַרהיימישט,
פאַראיינגט, די פרעמדקייט וויש אָפּ, ניט פאַרגעס;
אין גלי פון דיין פייער דערהייב מיך —
באַוויז זיך אינם פלאַם פון אַ נס.

י. פרידלאַנד

# אין יענע טעג פון אומרו

## (דערציילונג)

(פראַגמענט פון בוך „וואַנדערונגען און נסיונות", וואָס ווערט געגרייט צום דרוק)

ס'איז געווען אָנהייב פרילינג, די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דעם אַראָמאַט פון יונג פרישן בעז און זשאַסמין. דער לויפנדיקער טייך, ביים ברעג פון שטאָט, איז געווען כמעט אין זיין איבערפלוס, פון דער, ניט לאַנג צוריק, צעגאַנגענער אייז־קריע. די זון האָט אַראָפּגעשיקט אירע הייסע שטראַלן און האָט מוטערלעך צעוואַרעמט די אָנגעזאַפּטע, פון שניי און רעגן, ערד: די מאַמע ערד, האָט מיט אַמאָל רחבותדיק געעפנט איר, פון ווינטער פאַרשלאָפענעם טראַכט, און גראָזן, קוויטלעך און בלערליי געוויקסן, האָבן אומעטום אַרויסגעשפּאַרט זיך פון דער איינגעווייד פון דער ערד, און אַלץ איז געוואָרן באַגרינט און באַ־בלעטערט . . .

שפּעט אין אָט דעם פרילינג אָוונט, אין אַ טיף זייטיק באַבוימערט געסל ביים ראַנד פון שטאָט, אין אַ הויף מיט אַ הויכן אַרומגעצאַמטן פּלויט, צווישן געדיכט באַבלעטערטע בערעזעוועביימער, איז אַ הויז געשטאַנען; דאָס הויז האָט געהאָט אַ גרינעם שינדל־דאַך, מיט טונקל ברוינע לאָדן ביי די פענצטער, וואָס זיינען, כמעט, תמיד געווען פאַרמאַכט. אָט דאָס הויז איז געווען אָפּגעזונדערט מיט אַ היפּשן שטח פון די אַנדערע הייזער אין דעם געסל, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי פון פאַרוואָרלאָזטער פריצישער נחלה.

אין אָט דער כמעט איינזאַמער שטוב, האָט געוואוינט דער סטודענט, סערגעי פּאַפּאָוו, און צוזאַמען מיט אים, טאַקע ביי אים אין צימער, זיינען איצט געזעסן נאָך פיר פּערזאָן: יחיאל רעזניק, דער הויפּט פון דער גרופּקע, אַניוטאַ פּאַרטנוי, אַ קורסיסטקע, מאַרק מאַלער און יואל. אָט דאָס דאָזיקע געהיימע געזעמל, ביז שפּעט אין דער פרילינג נאַכט, האָבן אַרומגערעדט אַן ענין מכוח אַ פּלאַנירטע עקספּראָפּריאַציע, וואָס דאַרף פון זיי אויסגעפירט ווערן, ביי איינעם פון די אָנגעזעענסטע גבירים פון שטאָט. דער עושר, אויף וועמען עס איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער קרבן, איז געווען ר' זרחל שוואַרצבאַרד, אַ פאַבריקאַטשיק, ביי דער צאַרישער מלוכה, און טאַקע יואל'ס אַ לייבלעכער פעטער, זיין פאָטערס אַ ברודער; ניט מער, דער פעטער איז געווען אַ גביר־אדיר און יואל'ס פאָטער איז געווען אַ קבצן מיט זיבן פּאַלעס. דעם געניטען פּלאַן פון דער עקספּראָפּריאַציע האָט טאַקע לכתחילה פאַרגעשלאָגן יואל אַליין:

— היות די מערסטע געלטער פון ר' זרח'ל שוואַרצבאַרדס פאַריאַדן און דירה־געלט פון די קלייטן זיינען, קומען אַריין אין די ערשטע טעג פון חודש, האָט יואל זיי אויפגעקלערט, און אַזוי ווי עס דערנענטערט זיך דער שבת קודש, און ר' זרח'ל וועט זיכער נישט מחלל שבת זיין און פאָרן צו דער באַנק דעפּאָנירן די געלטער, וועט מסתמא זיין אַ היפּשע אפּותיקו אין זיין „פייער־קאַסע". איז די בעסטע צייט אַדורכפירן דעם געפּלאַנטן „עקס" טאַקע שפּעט שבת־צו־נאַכט, איידער די שוואַרצבאַרדס גייען שלאָפן. און אָט איז דער פּלאַן, חברים:

יואל האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם קעשענע אַ פּאַפּיר מיט אַ גענויער צייכענונג כמעט ווי אַן אַרכיטעקטס פּלאַן, דעם גאַנצן אויסלייג פון די צימערן, און אויך דעם פאָדערשטן און אונטערשטן אַריינגאַנג צום הויז.

— אָט דאָס איז עס, יחיאל, האָט יואל אָנגעוויזן מיט זיין וויַיז־פינגער פון דער רעכטער האַנט — אָט דאָ אָ, ווי איר זעט, איז דער אונטערשטער אַריינגאַנג, דורכן הויף; אָט די טרעפּ, לינקס, וועט איך אַרויפפירן צום צווייטן גאָרן צו אַ טיר, גלייך אין קיך אַריין. פון דער קיך איז אַן אָפענע טיר צום עס־צימער, פונם עס־צימער, מיט אַ טרעפּ אַרונטער איז אַ גרויסע סאַליע; רעכטס, איז אַ טיר וואָס פירט צו די שלאָף־צימערן, און לינקס איז אַ טיר צו זיין קאַנטאָר־צימער, וואו די „פייער־קאַסע" זיינע געפינט זיך, מיט גענוג פּאַפּיר אַסיגנאַציעס און ניט ווייניק זילבער־געלט. כ׳בין זיכער, אַז ר׳ זרח׳ל וועט קיין ווידערשטאַנד ניט געבן, ווען מע וועט אים ווייזן נאָר דעם שפּיץ פון אַ „שפּייער" . . . אָבער, כ׳בעט אייך, טאָקע ביט מער ווי „ווייזן"! זעט מע זאָל, חלילה, צו דעם נישט דאַרפן אָנקומען . . .

אַניוטאַ, יחיאל און פּאַפּאָוו, האָבן אין דעם מאָמענט זיך מאָדנע איבער־געקוקט און האָבן אויך באַמערקט, אַז יואל׳ס פּנים האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט און פאַרשעמט, אַפּנים צוליב דער רחמנות באַמערקונג, וואָס האָט זיך אינסטינק־טיוו ביי אים אַרויסגעכאַפּט, לגבי דעם עושר, ביי וועמען די פּלאַנירטע עקספּראָ־פּריאַציע דאַרף געמאַכט ווערן. יואל האָט אָבער תיכף חרטה געהאַט פאַר דעם אויסדרוק, מחמת ער האָט געפילט, אַז די חברים זיינע וועלן זיכער אויסטייטשן: ווייל דער קרבן איז זיינער אַ פעטער, אַ ברודער פון זיין אייגענעם טאַטן, האָט מחמת דעם אים אַרומגעכאַפּט אַ שוואַכקייט און אַ רחמנות געפיל צו אייגענער משפּחה. אָבער, אַזוי צו דענקען איז דאָך רעאַקציאָנער! . . . ווי פּאַסט עס פאַר אַן עכטן רעוואָלוציאָנער אַזוי צו פילן? . . . פאַר דעם אידעאַל פון דער רעוואָ־לוציע, דאַרף דאָך אַלץ זיין הייליק! . . . באַזונדערס, האָט יואל ניט געוואָלט זיך ווייזן פאַר אַזאַ „שוואַכלינג" אין די אויגן פון אַניוטאַן, צו וועלכער ער איז ניט געווען גאָר גלייכגילטיק . . .

יחיאל האָט אין דעם מאָמענט ניט רעאַגירט אויף יואל׳ס באַמערקונג און געמיט־צושטאַנד, און האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צום ענין פון דעם „עקס".

— יואל! האָסט רעקאָמענדירט דעם פּלאַן און אויסגעאַרבעט די פּרטים, קומט דיר דערפאַר אַנערקענונג. דיין פּלאַן איז אַ גוטער און וועט אַרבעטן ווי באַטייליקן. דו האָסט שוין דיין אַרבעט און שליחות אַדורכגעפירט בשלימות; מיר לאָזן דיך, בכן, פריי פון די אחריות פון אָנטייל. ניט מחמת ס׳איז אומגע־ווינלעך, אַז אַן אייגענער פון דער משפּחה דאַרף זיך נישט באַטייליקן אין קאַמף קעגן אייגענע! פאַר קיין פאַל ניט! פאַר דער רעוואָלוציע מעג אַלץ געטאָן ווערן . . . אפילו אַ זון מעג, און דאַרף ווען נויטיק, קעמפן קעגן אַן אייגענעם טאַטן . . . האָבן מיר דען נישט געזען, ווי זין האָבן אָרגאַניזירט שטרייקס פון אַרבעטער ביי זייערע פאָטערס אין די פאַבריקן? יאָ, יואל, מע מעג און מע דאַרף, ווען דער הייליקער מאָמענט פאָדערט עס פון דיר . . . בפרט, ר׳ זרח׳ל שוואַרצ־

באַרד איז דאָך ניט מער ווי דײַנער אַ פעטער! — האָט יחיאל צוגעוואָרפן די באַמערקונג צו יואלן, מיט אַ פינטל פון אויג . . . אָבער סיי ווי, פון דיר נעמען מיר אַראָפּ דעם עול. ס׳וועט בעסער זײַן פאַר דער זאַך, אַז דו וועסט ניט זײַן ביי דעם אַקט, ווײַל אין אַ מאָמענט פון כאַראַקטער־שוואַכקייט, קאָן נאָך די גאַנצע זאַך קאַליע ווערן. חוץ מזה, פאַרגעס נישט, יואל, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אונטער דער אויפזיכט פון דער מאַכט. די הינט האַלטן אָן אויג אויף דיר, דאַרפסטו זיך שאַנעווען. איבריקעס, האָסטו שוין געטאָן דײַן חוב ווי אַ געטרייער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע . . . מיר וועלן שוין אַלץ אַליין באַזאָרגן, און אַלץ וועט זײַן פאַרגרייט אויף דער באַשטימטער נאַכט און שעה . . .

יואל האָט שווייגנדיק מסכים געווען מיט דעם „הויפּטס״ באַמערקונגען, און מער אין דעם געשפרעך פון דער פּלאַנירונג קיין אָנטייל ניט גענומען.

סערגעי און אניוטא האָבן, פון דער דערבייאיקער קיך, אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסן שוואַרצן לאַבן־ברויט, אַ פּאָר געזאַלצענע הערינג מיט ציבעלעס, אַ פלאַש מיט עפּל־קוואַס און אַ שיסל מיט זויערע „קיסלעצעס״. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב דאָ געקענט געפינען, האָט סערגעי באַמערקט: די חברה האָבן עס כהרף־עין אײַנגעשלונגען, אַז ס׳איז קיין שירים ניט פאַרבליבן. יחיאל האָט דערנאָך געמאַכט די באַשטימונגען פאַר דער דורכפירונג פונם „עקס״.

— דו, אניוטא, וועסט מיט דעם צוטרויען פון דער דינסט־מיידל, צירל די רויטע, זען, אַז די הינטער־טיר פון דער קיך זאָל נישט זײַן פאַרריגלט. סערגעי און איך וועלן אַרײַן אין הויז, און דו, מאַרק, זאָלסט פּאַטרולן דעם הויף. די קליינע גרופּע עקספּראָפּריאַטאָרן זײַנען דערנאָך אײַנציקווייז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, יעדער אויף אַ באַזונדערן וועג . . .

אין דעם באַשטימטן אָוונט פונם „עקס״ האָט יואל ממש קיין אָרט זיך נישט געקענט געפינען. ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אומרואיקער, אַ צעשרויפטער. אָט איז ער אַרײַן צו זיך אין קעלער־שטיבל, און אָט איז ער ווידער אין דרויסן, אויפן גאַס. אַ מאָדנע אומרו האָט אים איצט באַהערשט, און ער האָט בשום אופן ניט געקענט אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג, וואָס אַזעלכעס קומט מיט אים איצט פאָר? וואָס מיט אַמאָל אַזאַ צערודערונג אין געמיט? האָט ער זיך געפרעגט. איז עס דען דאָס ערשטע מאָל וואָס די גרופּע פירט אַדורך אַן „עקס־אַקט״? — האָב איך דען אַליין אויך ניט אָנטייל גענומען אין אַזעלכע אַקטן מיט מײַנע חברים? בפרט איצט, בין איך אפילו דירעקט אין דעם נישט באַטייליקט. איך האָב דאָך בלויז סוגעסטירט און געהאָלפן אין דער פּלאַנירונג, איז ווארום אַזאַ פּלוצלינגדיקער איבערבייט אין מיר? ווארום אַזאַ אומרו און צערודערטער געמיט־צושטאַנד?...

וואָס איז דאָס? איז עס אפשר די פעדעם פון משפּחה׳דיקייט, וואָס מאַכט מיך אַזוי צו פילן? איז עס ניט קליין בורזשואַז אַזוי צו דענקען? . . . אָט די געדאַנקען און געפילן האָבן רק געעבערט זײַן מוח דעם גאַנצן אָוונט. און וואָס נעענטער די שעה פונם „עקס״ האָט זיך אָנגערוקט, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן: אָט איז ער ווידער אַרײַן צו זיך אין שטיבל און אָט איז ער נאָכאַמאָל אַרויס אין גאַס. ער איז אַרומגעגאַנגען גאַס אײַן, גאַס אויס, געוואָלט זיך דערנעענטערן צום ראָג, וואו זײַן פעטערס צוויי־גאָרנדיקער בנין איז, אפשר וועט

ער עפּעס זען אָדער דערהערן פון ווייטנס. אָבער, זיין שכלדיקער געדאַנק האָט אים אונטערגעזאָגט: האַלט זיך בעסער פון ווייטנס, יואל, דאַרפסט זיך שאַנעווען, ווי מיין חבר יחיאל האָט מיך געוואָרנט. וואָרעם קוים וועט עמיצער מיך באַ־מערקן דאָרטן, קען נאָך אפשר אויף מיר פאַלן דער חשד, און אויף דעם סמך אַליין וועל איך נאָך מוזן גיין „זיצן".

ווען דער שטאָט־זייגער אויף דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ האָט געשלאָגן עלף, די באַשטימטע שעה פונם 'עקס", האָט ער אָנגעהויבן, פאַר זיך אין דמיון, זען די גאַנצע סצענע, ווי ס'וואָלט פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגן: — אָט זעט ער אַניוטאַן אַרויפגיין אויף די טרעפּ וואָס פירט צו דער קיך, מאַכן זיכער, צי די קיך־טיר איז נישט פאַרריגלט, ווי ס'איז אָפּגעמאַכט מיט דער רויטער צירל, די דינסט־מיידל. נאָך אַניוטאַן זיינען תיכף אונטערגעקומען יחיאל און סערגעי; זייערע פּנימער, האַלב פאַרשטעלט מיט צוגעבונדענע שוואַרצע פאַטשיילקעס, נאָר די אויגן האָבן זיך אַרויסגעזען; אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן געלאָדענע „בראַונינגס" רעוואָלווערן. דער פעטער און די מומע זיצן, ווי געוויינלעך, אין סאַליע, און שמועסן געמיטלעך צווישן זיך. פּלוצלינג, ווען זיי דערהערן פריער אַ שטילער געמורמל, פון פרעמדע אומדערוואַרטעטע טריט, אָבער שטאַרק איבערראַשט פון עמעצנס אַ באַזוך, אין אַזאַ שפּעטער שעה . . . אין דעם זעלביקן אויגנבליק דערזעען זיי פאַר זיך יחיאלן מיט סערגעין, האַלב פאַרמאַסקירטע, מיט געצילטע רעוואָלווערן . . . דער פעטער און די מומע, שטאַרק דערשראָקן, בלייבן ווי אָן לשון. אונטער דעם באַפעל פון יחיאלן האָט דער פעטער שוויגנדיק, מיט ציטערנדיקע הענט און וואַקלענדיקע קני, אויסגעפאָלגט דעם באַפעל, גע־עפנט פאַר זיי די „פייער־קאַסע" און איבערגעגעבן, אין זייערע הענט, די גאַנצע אַפּיותיקו, וואָס דאָרט איז געווען. דאָס דאָזיקע בילד האָט יואל געמאָלן פאַר זיך אומצייליקע מאָל; געזען עס פאַר זיך בולט ווי אויף אַ לייוונט . . .

אין יואל'ן האָט איצט געברענט אַ גוואַלדיקער נייגער: אים האָט זיך ווידער שטאַרק געוואָלט וויסן צי אַלץ איז טאַקע אַדורכגעגאַנגען ווי מע האָט אויסגערעכנט, און ווי ער האָט עס געזען אין זיין דמיון. אָ, ווי שטאַרק אים האָט זיך געוואָלט דאָרטן זיין! פון צוגיין אַהינצו צום פעטערס הויז האָט ער איצט אפילו ניט געקענט אַ טראַכט טאָן. וואָרעם ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער דערזעט מען אים טאַקע, קאָן ער נאָך, חלילה, קאָמפּראָמענטירן זיינע חברים. ער וועט בעסער זיך האַלטן איצט וואָס ווייטער פון דעם פּלאַץ . . .

אָן אויסגעשעפּטער פון בראָדזשען פון גאַס און געסל האָט ער סוף, סוף דערשלעפּט זיך צום קעלער־שטיבל, איז אַריין און האָט תיכף, אָן אַ וואָרט אפילו צו די עלטערן, אַ וואָרף געטאָן זיך אויף זיין געלעגער אין קיך. טאַטע־מאַמע זיינען נאָך אויף געווען, וואַרטנדיק אויף אים. יואלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין איצטיקע נערוועזע אומרואיקייט איז אַזוי בולט, אַז זיין בלויזער אָפּענער בליק, האָט ער מורא געהאַט, וועט אים פאַרראַטן . . . אַ מאַמעס האַרץ אָבער זעט און פילט, איז זי מיט ניט ווייניק זאָרג צוגעקומען און אים געפרעגט:

— וואָס איז דיר, יואל, מיין זון, ביסט, חלילה, ניט געזונט? . . . ווי אַזוי קומט מען עס אַריין אין שטוב, אָן אַ וואָרט זאָגן אפילו טאַטע־מאַמע; און מע

טוט זיך אַ וואַלגער ווי אַ קלאָץ ר״ל? מיר האָבן דאָך אויסגעקוקט די אויגן פאַר דיר! . . .

יואל האָט ניט געענטפערט, פונקט ווי ער וואָלט געשלאָפן, ער האָט אָבער באַין אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. אים האָט זיך אַלץ פאַרגעשטעלט די סצענע וואָס ביים פעטער האָט זיך אָפגעשפילט. די ברענענדיקע נייגעריקייט צו וויסן צי אַלץ איז אַדורכגעגאַנגען בשלום, אָן אַ ווידערשטאַנד, חלילה, האָט אים אַזוי פאַרפאַלגט, אַז ער האָט ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג: כמעט אַ גאַנצע נאַכט איז ער געווען וואַך, און מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל שוין וואָס גיכער טאָג ווערן. ער וועט דאַן קענען אַרויס אין גאַס, צווישן די קרעמער אָדער אין קלויז, וועט ער שוין דערשמעקן, דערוויסן זיך, וועגן דער נעכטיקער פּאַסירונג . . .

איידער ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, איז ער דאָך אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, מיט אַמאָל אַנטשלאָפן געוואָרן. פאַר די עטלעכע שעה וואָס ער איז געשלאָפן האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין זיין מוח איין און דערזעלביקער חלום:

— ער ווערט געפירט געקאָוועט אין קייטן איבערן סאַמע מיט פון שטאָט; אַלע זיינע פריינט, נאָענטע און באַקאַנטע שטייען ביי דער זייט פון דער גאַס און טייטלען מיט די פינגער אויף אים און שרייען אויס: — זעט, דאָס איז דאָך יואל, דער זון פון יוחנן דעם טליתניק! דאָס פירט מען אים געקאָוועט אין קייטן, פאַר אַ רויבעריי וואָס ער איז באַגאַנגען! . . . ער זעט זיך אַרומגערינגלט פון אַ „קאָנוואָי״, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזן, שעמט זיך אויפצוהייבן די אויגן. אַ חרטה געפיל נעמט אים אַרום. וואָלט מען אים געפירט איצט פאַר אַ פּאָליטישן אַקט, וואָלט עס אים ניט געאַרט; גאָר אַנדערש וואָלט ער דאַן געפילט! ער וואָלט דעם קאָפּ זיינעם געהאַלטן הויך און שטאָלץ, און וואָלט מיט אַ שמייכל יעדנס בליק באַגעגנט! פאַר אַ רויבעריי אָבער, פילט ער זיך פאַרשעמט, דערדריקט און באַליידיקט . . .

מיט גרויס אימפּעט, און שטאַרק צערודערט פון חלום, האָט ער פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט. ער איז אויף גיך אַרונטער פון געלעגער, גלייך ווי געטריבן פון עמעצן; אָנגעטאָן זיך אויף גיך, פונקט ווי ער וואָלט צו אַ באַשטימטער מינוט געמוזט זיין צו אַ באַשעפטיקונג. יוחנן און רבקה, זיינע עלטערן, זיינען נאָר וואָס געווען אויפגעשטאַנען. זיי האָבן זיך אפילו שטאַרק געוואונדערט, וואָס יואל האָט היינט, פריער ווי תמיד, אַזוי אויפגעכאַפּט זיך! זיי האָבן אים אָבער ניט גע־פרעגט וואָס־און־ווען . . . בכלל זינט ער איז אַרויס פון תפיסה, האָבן זיי אים וואָס ווייניקער מיט פראַגן באַלאַסטעט. מחמת, האָבן זיי אים שוין יאָ אַמאָל עפּעס אָנגעפּערגט, האָט ער זיי ניט גערן געענטפערט. האָבן זיי בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און שטאַרק באַדויערט, וואָס סאַראַ טרויעריקן נחת זיי האָבן עס פון אים. כאָטש יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט דאָס שטיבל פאַרלאָזן, האָט די מאַמע זיינע אים תמיד דערמאָנט:

— זיי פאָרזיכטיק, מיין זון, כ׳בעט דיך! . . .

ווען יואל איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך דערנענטערט צו די קראָמען, אויפן אַלטן מאַרק, האָט ער דערזען ווי די קרעמער פון די קלייטן שטייען דאָ און דאָרטן אין געזעמלען און שמועסן צווישן זיך, מיט גרויס נייגער און איב־

טערעס. ער האָט זיך צוגערוקט צו אַ געזעמל, ווי אַ זייטיקער, און צוגעלייגט אַן אויער צום שמועס: אים האָט זיך געוואָלט אויפכאַפּן אַ וואָרט, אַ רמז, וועגן דער לעצט־נאַכטיקער פּאַסירונג — די סיבה פון זיין צערודערונג און אומרו. מיט גרויס אָנשטרענג האָט ער זיך צוגעהערט, געשלונגען יעדן וואָרט, וואָס די יידן, צווישן זיך, האָבן געחקירהט און ספּעקולירט, וועגן דער נעכטיקער גע־שעעניש ביי ר׳ זרחל שווארצבארד אין הויז. איינער האָט געזאָגט, אַז מע האָט ר׳ זרחלען באַרויבט אפשר אויף צען טויזנט רובל; בעת אַ צווייטער האָט גוזמהדיק אַ זאָג געטאָן: — וואָס ווייסט איר וואָס! צען טויזנט!... מער קאָנט איר נישט ציילן? איך זאָג אייך, אַז אַ סך מערער ווי צען, אפשר טאָקע גאַנצע צוואַנציק טויזנט!...

— אָבער וואָס זאָגט איר נישט צו דעם, ווי אַזוי קונציק מע האָט אים באַאַרבעט, ר׳ זרחלען! האָט אַ דריטער פון געזעמל אַריינגעוואָרפן זיין זאָג. — שאַ, שטיל, אפילו אַ האָן האָט נישט אַ קריי געטאָן!...

— מאָלט אייך, ער אַליין, ר׳ זרחל שווארצבארד, בכבודו ובעצמו, האָט זיך געדאַרפט מטריח זיין, עפענען פאַר זיי ד י „פייער־קאַסע״ און אָפּשטעקן זיי אַלע אַסיגנאַציעס, פּאַפּיר־געלט און די זילבער מטבעות, וואָס דאָרטן איז נאָר געווען...

— נו, האָט איר שוין געהערט אַזוינס אין אייער לעבן? — האָט שמעון קורלאַפּניק זיך אַריינגעמישט און אריינגעזאָגט זיין וואָרט — אַזוי געשיקט, און אַזוי פּינקטלעך אויסגערעכנט צו אַ האָר, טאַקע ווי נאָר עפּעס אַן אייגענער, וואָס ווייסט וואָס־און־וואו יעדע זאַך אין זיין הויז געפינט זיך!

— און ווייטער, כאַפּט זיי דער שוואַרץ יאָר! — האָט שמעון קורלאַפּניק ממשיך געווען — נישקשה, זיי האָבן גענוג!... איר האָט געדאַרפט זען און הערן ווי אָט די גרויסע נגידיתטע, די מאַדאַם שווארצבארד, דינגט זיך עס, און טרייבערט מיר אויס די אַדערן, ביז זי דינגט שוין קוים אויס, ביי מיר, אַ פּאָר עופות אָדער אַ שאָק אייער. מיט די „חברה־לייט״ האָט זי זיך שוין גאָרניט גע־דונגען! אוי, האָט זי געמוזט, נעבעך, אָפּשטעקן די אַפּותיקי!... האָט ער, כמעט, מיט צופרידנקייט אויסגערופן...

פון דעם געהערטן און געזאָגטן, איז שוין גענוג געווען פאַר יואלן זיך צו דערוויסן אַז דער „עקס־אַקט״ איז אַדורכגעגאַנגען גאַנץ געראָטן און בשלום. אָן שוועריקייטן און אָן שטערונגען. און דער עיקר, וואָס סע האָט אים אַמ־שטאַרקסטן געפרייט — אויך אָן קרבנות...

איצט איז יואלס געמיט אים אַ סך גרינגער געוואָרן: ווי אַ שווערער שטיין, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן איז ווי מיט אַמאָל אַרונטערגענומען געוואָרן. אַ באַרואיקטער, כאָטש אין גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער און מידער פון דער לעצט־שלאָפלאָזער נאַכט און קאָשמאַרנעם חלום, איז ער תיכף אַ באַרואיקטער אַהיים־געקומען.

דער טאַטע ר׳ יוחנן, ווי תמיד אין די פרימאָרגנס, איז שוין אַוועק אין קלויז דאַוונען. די מאַמע איז שוין אויך געווען אַוועק צו איר אין קרעמל. ער האָט זיך תיכף אַ וואָרף געטאָן אויף זיין נאָך נישט פאַרבעטן געלעגער, און מיט אַ מער רואיקערן געמיט ,פון קיינעם ניט געשטערט, פעסט און געשמאַק אַנט־שלאָפן געוואָרן...

ברכה קודלי

# פ אַ ר נ אַ כ ט

ס׳פּאַלט אַ שטילקייט מחיהדיק און קיל,
באַרג און בוים שטייען פאַרטראַכט,
ס׳שפּיגלט זיך אין טייך
אַ ראָזלעך־זיסער וואָלקן־שפּיל
און וועקט אין מענטש אַ בענקנדיק געפיל,
אַ טונקעלער פליגל טוט אַ שוועב מיט פאַרנאַכט.

אין בלויען שלייער פאַרשפּינט
קומען בערג אַליין נעענטער צום טאָל,
פלאַפּלט עפּעס דער פּאַלמען־ווייער
צום טאַקט פון ווינט.

אַ ביסל וואַרעמקייט איז פאַרבליבן
אויף אָנגעגליטן שטיין,
אַ געשפּאַנטקייט פאַרוויקלט אין שאָטנס
בלאָנדזשעט אַרום
און זוכט לידער, וואָס זינגען זיך אַליין.

אַ בענקשאַפט טוט אַ פלאַטער —
ווינקט אַ שטערן צו אַ שטערן,
אַ וואַסער קוואַלעכל פון באַרג
טוט די שטילקייט שטערן.

אי ווייט אי נאָענט
סע ריזלט און פאַרוויגט,
אַ זשאַלאַבנע ניגונדל
רירט ביז שטילע טרערן: —
דער אויף וועמען דו וואַרטסט
וועט ניט קומען היינט אין אָוונט.

אי פרייד אי וויי
וועקט אויף פון קוועלעכל דאָס זינגען
אין מיין געדאַנק דערמאָנונגען
ציטערן אויף און מאַכן מיך ייִנגער.

מיין דערוואַרטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט
אין אַ ליכטיקן צייכן פאַרצויגן
און האָט אַ פאַרנאַכטיקן ניגון אַנטפּלעקט
אין טרער פון מיינע אויגן.

---

פּינטשע בערמאַן

# ווילט זיך לעבן

האָט די זון זיך אויסגעטשוכעט,
פון איר בעט אַרויסגעשפּרונגען
און זיך צעהוליעט אַזוי ברייט —
פּראַלן אויף זיך פאַר דיר וועלטן,
ווערן פולע דיינע לונגען,
נעמט דיר דורך אַזאַ מין פרייד —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

האָבן קנאָספּן זיך צעעפענט,
האָבן גראָזן זיך צעזונגען,
האָבן פויגלען זיך צעשטיפט —
ווערט דיר וואַרעם אין די בלוטן,
ווערט אין האַרצן דיר אַ יום-טוב
און, ווי וואַקס, עס ווערט צעטריפט —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

האָט די וועלט אַרום צעשפּילט זיך
אין אַן אויסטערליש סימפאָניע,
אין אַ גרויס פאַרכישופט ראָד —
צינדן אָן זיך דיינע אויגן
צו דעם טאַנץ פון ערד און הימל,
צו דעם וואונדער-קאַראַהאָד —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

נו איז וואָס, אַז דו ביסט גראָ שוין —
דעמבעס קוקן ניט אַרונטער,
נאָר צו הימלען, הויך, מיט מוט . . .
אַלעס קען די צייט פאַרלעשן,
נאָר ניט פייערן, וואָס ברענען
און וואָס פלאַקערן אין בלוט —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

## ווען עס פאַלן די בלעטער

מיט בליקן צום הימל און חלום פון שטראַלן
עס פאַלן די בלעטער . . .
עס מורמלען אַין ערגעץ וואו שטילערהייט קוואַלן —
דאָס וויינען די געטער . . .

עס רייסט זיך אַ בענקשאַפט אַרויף צו די צווייגן
מיט טרויער פון נעילה;
עס עכאָן זיך טריט פון דעם ווינט און זיי שטייגן —
עס גייט אויף אַ תפילה . . .

ווער איך אַזוי אויך דאָ, אין אומעט געבונדן,
פאַרזונקען אין טרוימען,
זיצן און בענקען נאָך טעג וואָס פאַרשוואונדן,
נאָך רויך פון דעם קוימען? . . .

און זען, ווי עס טראָגט זיך דער אָדלער אין הויכן,
און בליי מיינע פליגל? . . .
און פרעסן דעם בלוי, וואָס דו קענסט ניט דערגרייכן,
ווען טאָג ווערט פאַרזיגלט? . . .

עס פאַלן די בלעטער, זיי פאַלן באַזונדער
און פאַלן אין איינעם —
הויבט אין דעם בלוט זיך אָן לעשן דער צונטער —
ווילט זיך מיר וויינען . . .

דר. ח. מ. ראַטבלאַט

# דער תנ״ך, אַן אוניווערסאַל און אייביק ווערק

דער תנ״ך איז אָן שום ספק דער געטלעכסטער, געניאַלסטער און קלאַסיש־סטער ספר פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, און ניט אומזיסט האָט ער זיך דערוואָרבן דעם נאָמען „ספר־הספרים״. ער איז ניט פאַרעלטערט געוואָרן אין לויף פון דער צייט, ער האָט ניט אָנגעוואָרן זיין יוגנט־רייץ און חן, און אפילו די שנאה און פאַראַכטונג צום שאַפער פון תנ״ך האָבן אויף אַ האָר ניט געמי־נערט די אַכטונג און פאַרגעטערונג צו אים.

וואָס זיינען די מעלות פון תנ״ך?

דער מחבר פון דעם אַרטיקל פּרעטענדירט ניט צו געבן אַן אַלזייטיקן וויסנשאַפטלעכן ענטפער אויף דער פראַגע, ווייל דאָס איז ניט מעגלעך צו טאָן אין אַ קורצן אַרטיקל. מיין ענטפער וועט דעריבער זיין אַ סוביעקטיווער ענטפער, אָן וויסנשאַפטלעכע פּרעטענזיעס.

די מעלות פון תנ״ך זיינען לויט אונדזער מיינונג די פאָלגנדע: א. פאַר־שיידנפאַרביקייט, ב. די סינטעזע פון אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַליזם. ג. אַל־טרואיזם, ד. די הויכקייט פון מענטש, ה. דאָס שטרעבן צו פערפעקציע, ו. יידישע ספּעצעפישקייט, ז. פאָלקס־ספר.

מיר וועלן זיך באַמיען צו דערקלערן קורץ און זאַכלעך יעדן פּונקט באַ־זונדער. א. פאַרשיידנפאַרביקייט: דער תנ״ך איז ניט קיין מאָנאָטאָנער ספר, וועלכער באַשעפטיקט זיך אויסשליסלעך מיט איין פאַזע פון מענטשלעכן דענקען אָדער פון מענטשלעכע עמאָציעס. ער איז פאַרשיידנפאַרביק און אַלזייטיק. ער איז קודם־כל דער גרעסטער רעליגיעזער ספר פון דער רעליגיעזער וועלט־ליטע־ראַטור, ווייל ער איז דער גרעסטער דאָקומענט פון דער מאָנאָטעאיסטישער וועלט־אַנשויאונג — אין קיין ספר ווערט ניט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט דער גלויבן אין אחדות הבורא ווי אין תנ״ך; און קיין ספר איז ניט אַזוי דורכגע־דרונגען מיט געטלעכער דבקות ווי דער ספר התהלים.

דער תנ״ך איז ניט נאָר אַ רעליגיעזער ספר, נאָר אויך אַן עטישער ספר, אָדער ריכטיקער געזאָגט: דער ספר פון מענטשלעכער עטיק. די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון תנ״ך, וועמענס יסוד איז אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, וואָלט גע־דאַרפט, און מיר האָפן אַז זי וועט ווערן, דער לייכט־טורעם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט . . . ניטאָ אַ ספר ,וועלכער זאָל זיין אַזוי אָנגעהויכט מיט רחמנות־געפיל צו דעם אונטערדריקטן, שוואַכן און אָרעמען ווי דער תנ״ך; און פונ־דעסטוועגן וואָרנט אונדז די תורה האָבן מיר קיין רעכט ניט צו פאַרבויגן די גערעכטיקייט לטובת דעם אָרעמאַן: „ודל לא תהדר בריבו״ (דו זאָלסט דעם אָרעמאַן ניט באַשיינען אין זיין קריג).

שטיצן אַן אָרעמאַן איז לויט דער תורה ניט קיין חסד, נאָר אַ הייליקע מענטשלעכע פליכט, און דער תלמודישער פּרינציפּ פון „כופין לצדקה״, אַז מ׳קאָן צווינגען אַ מענטשן צו טאָן זיין סאָציאַלע פליכט צו זיין ברודער, צו זיין

מיט־מענטש איז אַ לאַגיש קאָנסעקווענטער געזעץ און איז אין גאַנצן אין דעם גייסט פון תורת משה . . .

די געזעצן פון שמיטה און יובל, וועלכע האָבן באַצוועקט אויסצואוואָרצלען ביי דעם מענטשן דעם עגאָאיסטישן פּרינציפּ פון פּריוואַט אייגנטום, זיינען נאָך פּאַרלויפיק צוקונפטס־מוזיק, און ווער ווייס צי די מענטשהייט וועט זיך אַמאָל קענען דערהויבן צו דער אידעאַלער עטישער הויכקייט . . .

דער תנ"ך איז ניט נאָר אַ רעליגיעז־עטישער ספר, נאָר אויך אַ קוואַל פון געשיכטע און איז נאָך אַלץ דער בעסטער מקור פאַר אַמאָליקער אָריענטאַלער געשיכטע בכלל, און פאַר יידישער געשיכטע בפרט; מ'קאָן וועגן זיינע געשיכטלעכע מקורות זאָגן דאָס זעלבע וואָס דער תלמוד זאָגט וועגן דער גאָטהייט: „חותמו של הקב"ה־אמת" (גאָט'ס חתימה איז אמת). די רעדאַקטאָרן פון תנ"ך האָבן ניט פאַלסעפיצירט קיין פאַקטן, בכדי ריינצוּוואַשן אונדזערע נאַציאָנאַלע העלדן און גדולים. אַלס ביישפּיל קענען אונדז דינען די דערציילונגען: פון יהודה און תמר, פון ראובן און בלהה'ן, פון דוד און בת־שבע'ן. נאָר אין די שפּעטערדיקע דורות האָבן די חכמי התלמוד פּראָבירט ריינצוּוואַשן אונדזערע גדולים פון זייערע חטאים, אָבער אויך זיי האָבן, חלילה, ניט באַהאַלטן פון עולם די אמתע פאַקטן, און מ'האָט זיי ניט אָפּגעמעקט פון אונדזערע היסטאָרישע ספרים.

דער תנ"ך איז אויך אַ קוואַל פון פאָלקלאָר, ניט נאָר פון ספּעציפישן יידישן פאָלקלאָר, נאָר אויך פון אָריענטאַלישן פאָלקלאָר — ער איז רייך אין שפּריכווערטער, אַפאָריזמען, משלים, וועלכע אַנטפּלעקן פאַר דעם לייענער גאַנצע אוצרות פון פאָלקס־חכמה און פאָלקס־פּסיכיק.

דער תנ"ך איז אויך אַ געניאַל קונסטווערק, הגם דאָס איז ניט זיין הויפּט־מעלה, איז ער אָבער ניט נאָר הינטערשטעליק אין פּרט פון קונסט און פּאָעזיע, נאָר טאַקע אַ מוסטער פאַר אמתער קלאַסישער ליטעראַטור. איר געפינט אין תנ"ך כמעט אַלע פאָרמען פון ליטעראַטור: עפּאָס — אין די ספרים: בראשית, שמות, במדבר, דברים; ליריק — אין ספר תהלים, וועלכער איז ביז דעם היינטיקן טאָג דער קלאַסישסטער מוסטער פון אמתער ליריק, און אויך אין אַנדערע טיילן פון תנ"ך, און די ליריק פון תנ"ך איז אַ פאַרצוויגטע. איר געפינט: די אָדע וואו צום ביישפּיל אין „אז ישר", אין „שירת חנה", די עלעגיע אין ספר איכה, די אידיליע — אין ספר רות און אפילו די דראַמע געפינט איר אין דעם ספר איוב, וואו עס קומט צום אויסדרוק דער אייביקער געראַנגל צווישן גאָט און מענטש . . .

דער תנ"ך איז אויך רייך אין דערהויבענע גיגאַנטישע געדאַנקען, וועלכע קאָנען און דאַרפן אויפהויבן דעם מענטש צו די העכסטע הויכקייטן. ס'איז אוממעגלעך צו באַהאַנדלען זיי באריכות צוליב קורצקייט אין פּלאַץ. מיר וועלן נאָר מרמז זיין אויף אייניקע פון זיי און „ואידך זיל גמר", זאָל דער פאַראינטערעסירטער לייענער אויסגעפינען אַליין דורך לערנען דעם תנ"ך.

ב. די סינטעזע פון אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַליזם — דער תנ"ך איז. אָן שום ספק, אַדורכגעדרונגען מיט ליבע און רעספּעקט צום יידישן פאָלק און איז אָנגעהויכט מיט דער אידייע פון יידישער אויסדערוויילטקייט, אָבער זיין

נאַציאָנאַליזם איז ווייט פון שאָוויניזם און זיין העכסטער אויסדרוק איז דער אוניווערסאַליזם אין דעם זין פון מענטשלעכער פאַרברידערונג, וועלכע האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין די דערהאַבענע צוקונפטס־וויזיעס פון מיכה און ישעיהו . . .

ג. אַלטרואיזם — דער ספר התנ״ך איז אַדורכגעדרונגען מיט דער אידייע פון אַלטרואיזם, וועמענס יסוד איז: „הלא אב אחד לכלנו, הלא אל אחד בראנו״ (מלאכי ב־י) (איז ניט איין פאָטער ביי אונדז אַלעמען? האָט אונדז ניט איין גאָט באַשאַפן?) אַלע מענטשן זיינען קינדער פון איין טאַטן, וועלכער איז דער באַשעפער פון דער וועלט און אַלע זיינען באַשאַפן געוואָרן אין גאָט׳ס געשטאַלט און אין זיין פאַרעם, און דעריבער איז אַ לאָגישער קאָנסעקווענץ, אַז יעדער מענטש דאַרף ליבן זיין מיטמענטש, „ואהבת לרעך כמוך״. ס׳איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז די תורה האָלט אין איין לערנען אונדז די הייליקע מצווה פון ליבע צום פרעמדן, „ואהבתם את הגר״, און באַטאָנט דעם פּרינציפּ פון ״חקה אחת לגר ולאזרח הארץ״, איין געזעץ פאַר דעם פרעמדן און פאַר דעם בירגער פון לאַנד, ווייל ביידע זיינען דאָך קינדער פון איין גאָט!

ד. די הויכקייט פון מענטש — אויב אַלע מענטשן זיינען גאָט׳ס קינדער איז דאַכט זיך שוין איבעריק צו באַטאָנען, אַז דער מענטש פאַרנעמט זייער אַ חשובן פּלאַץ אין דער תנ״כישער וועלט־אַנשויאונג. דער געטלעכער משורר פון תהלים שטעלט אַוועק דעם מענטש אויף דעם העכסטן פּעדעסטאַל — „ותחסרהו מעט מאלהים״ — עטוואָס קלענער פון גאָט אַליין, און איינער פון אונדזערע גרעסטע תנאים, ר׳ עקיבא, באַהויפּטעט „חביב אדם שנברא בצלם״ — באַליבט איז דער מענטש, ווייל ער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָט׳ס פאַרעם.

ה. דאָס שטרעבן צו פּערפעקציע — דער תנ״ך האָט אַוועקגעשטעלט דעם מענטשן אויף דעם העכסטן פּעדעסטאַל, אָבער פאָלקאָמענהייט האָט זי אים ניט געגעבן, ווייל פאָלקאָמען איז נאָר די גאָטהייט אַליין. אין וואָס באַשטייט די אויפגאַבע פון דעם מענטש? דאָס שטרעבן צו פאָלקאָמענהייט, צו פּערפעקציע: „קדשים תהיו כי קדוש אני ד׳ אלהיכם״ (הייליק זאָלט איר זיין, ווארום איך ד׳ אייער גאָט בין הייליק) און דעריבער האָט דער ייד אין לויף פון זיין געשיכטע, וועלכע איז אין איר עצם מהות אַ געשיכטע פון בלוט און טרערן, פון פיין און ליידן, ניט געוואָלט אַנערקענען די געטלעכקייט פון קיין מענטשן, ווייל קיין ילוד אשה איז ניט פאָלקאָמען, נאָר גאָט אַליין איז פאָלקאָמען . . .

ו. יידישע ספּעציפישקייט — דער אינהאַלט און די פאָרעם פון תנ״ך האָבן אים דערהויבן צום אוניווערסאַלסטן ספר פון דער וועלט־ליטעראַטור: ניטאָ כמעט קיין ליטעראַטור וואָס פאַרדינט דעם נאָמען ליטעראַטור, וועלכע האָט ניט איבערגעדיכטעט דעם תנ״ך, און ס׳איז כמעט ניטאָ קיין פאָלק וועלכעס ציט ניט זיין גייסטיקע יניקה פון אונדזער תנ״ך. ווי האַלט עס עפּעס מיט אונדז, יידן, די שעפער פון תנ״ך?

ס׳איז אַ שאַנדע און אַ ווייטאָק צו זאָגן, אַז מיר פאַרנאַכלעסיקן זייער אונדזער גייסטיקע ירושה, וועלכע איז דער אור־קוואַל פון אונדזער אמונה און דער מעכ־טיקסטער אויסדרוק פון אונדזער גענייאַליטעט און אייגנאַרטיקייט און דער

שליסל צו אונדזערע שפּעטערדיקע אוצרות. וואָלט ניט כדאי געווען טאַקע אין דעם איצטיקן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע אָנצושטרענגען אַלע אונדזערע כוחות און צוריקברענגען דאָס אייביקע פאָלק צו זיין אייביקן ספר, ווייל דער תנ״ך איז דער ספּעציפישסטער יידישער ספר, די אמתע אויסשטראַלונג פון יידישן געניוס.

ז. פאָלקס־ספר — דער תנ״ך איז די קאָלעקטיווע שאַפונג פון יידישן פאָלק, און אַ דאַנק אַט דער אייגנשאַפט איז ער געוואָרן דער אמתער פאָלקס־ספר, און אַזוי ווי דער מן וואָס האָט געהאַט אַלע טעמים, און יעדער האָט געקאָנט צו־פרידנשטעלן מיט אים זיין אינדיווידועלן געשמאַק, אַזוי איז אויך דער ספר התנ״ך: דער פשוטער ייד, וועמענס קולטור־ניוואָ איז אַ נידעריקער און זיין געשמאַק איז ניט קיין ראַפינירטער, קאָן פאַרכאַפּט ווערן פון די פשוטע, תמימות־דיקע דערציילונגען פון די אבות און אונדזערע העלדן און פון די לירישע אויסגוסן פון תהלים. דער אינטעליגענטער ייד וועט דאָך זיכער געפינען אין תנ״ך אַן אוצר פון געדאַנקען, אידעאַלן און אידייען, וועלכע וועלן אים אינספּירירן צו די עולמות העליונים פון דער תנ״כישער הומאַניטאַרער וועלט־אַנשויאונג. לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונדזער ספר הספרים — הפך בו והפך בו דכולא בו! לייענט, לערנט דעם תנ״ך, איר וועט זיך באַרייכערן גייסטיק אָן אַ שיעור.

---

גדליה שטוצינער (תל־אביב)

## די ליכטיקע דעראינערונג — י. ח. ברענער

א לעבן פון וואָגלעניש פון האָטעל קיין וואַרשע און פון דאָרט קיין לאָנדאָן און קיין לעמבערג, פון דאָרט פאָרט ער אָפּ פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קיין ארץ ישראל. אָט דאָס איז געווען זיין לעבנס־וועג. אַ וועג פון יסורים און פון ליטעראַרישן שאַפן.

און זיין נאָמען איז ביי אונדז דאָ, אין מדינת ישראל, ביז היינט אַ ליכטיקע דעראינערונג. ער איז דער סימבאָל פון אידעאַליזם און זעלבסט־קריטיק.

וויפיל מעשיות קען מען הערן דערציילן וועגן ברענערן, וויפיל עפּיזאָדן וואָס אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם מענטש און זיין צער. ס׳קוסירט אַ געשיכטע, וואָס ווייזט אונדז ברענערס גרויסע עניוות און באַשיידנקייט.

זייענדיק אין לאָנדאָן, האָט זיך אַמאָל געדרוקט אין אַ גרויסער טעגלעכער ענגלישער צייטונג אַן אַרטיקל וועגן ברענערן. אין אַרטיקל איז ברענער געשיל־דערט געוואָרן אַלס אַ גוטער טרוימער, איינער פון די פלאַי־פּלאַים פון לעצטן יאָרהונדערט. עפּיס אַ קלייניקייט, אין ווייטשעל געפינט זיך אַ העברעאישער נאָוועליסט, אַ רעדאַקטאָר פון אַ העברעאישן זשורנאַל, און דער זעלביקער איז אויך דער „בחור הזעצער״ פון דער מאַנאַטשריפט.

באַלד קומען אין דרוקעריי צוויי קאָרעספּאָנדענטן פון צוויי ענגלישע צייטונגען, באַוואָפנט מיט נאָטיץ־ביכלעך, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און ד. גל. און האָבן געבעטן ברענערן צו פאָטאָגראַפירן זיך. ברענער האָט גראָד דעמאָלט געאַרבעט בייב זאַץ־קאַסטן, אָן אַן אויבערהעמד מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. אַז

ער איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי, האַלטנדיק אין דער לופט זיינע הענט וועלכע זיינען געווען שוואַרץ פון דער פאַרב פון די אותיות, וואָס ער האָט געזעצט, האָט ער זיך צו זיי געווענדט:

— וואָס ווילט איר?

דערויף האָבן זיי אים געענטפערט, אַז זיי זיינען געקומען אים אינטערוויו־אירן און זיי ווילן אויך פאָטאָגראַפירן.

האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויפן קול. די צוויי פאַרשוינען האָבן זיך דער־שראָקן און זיינען גלייך אַנטלאָפן.

## עקספּלואַטירט דעם צער

יעקב פיכמאַן, קומענדיק פאַרן וועלט־קריג אין ירושלים צו רעדאַקטירן דעם „מולדת", איז ער אַריין דאָס ערשטע צו ברענערן. אין ענגע פאַרקרומטע געסלעך איז ער געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו אַ הויז וואָס איז געשטאַנען צווישן אַראַבישע ווייגערטנער. דאָרט האָט געוואוינט ברענער אויפן צווייטן שטאָק. זיין צימער איז געווען גרויס. אין אים איז געווען נאָר אַ קליין צעבראָכן טישל, אַ בענקל, און אַ בעט פון ברעטער, אויסגעלייגט אויף נאַפט־בלעכן.

„דו עקספּלואַטירסט דעם צער" — האָט פיכמאַן געזאָגט, זעענדיק ווי ער זעצט זיך אויף אַ צעבראָכן בענקל.

— אַ צעבראָכענער מענטש אויף אַ צעבראָכן בענקל — האָט אים ברענער שפּאַסיק געענטפערט דערויף.

## אַנטפּלעקט דעם סוד

דער אַרבעטער ש. דייק, וועלכער האָט געאַרבעט מיט ברענערן צוזאַמען אין חדרה, דערציילט וועגן אים:

„פאַר 12 יאָר צוריק האָבן מיר געגראָבן גריבער צו פלאַנצן אַ פּרדס אין חדרה. די אַרבעט האָט מען אונדז איבערגעגעבן אַלס אונטערנעמונג. מיר האָבן באַדאַרפט מאַכן אַ גרויסע צאָל גריבער אין דער טיף פון אַ קוואַדראַט מעטער יעדן גרוב. די פּרייזן זיינען געווען מיטעלע. אַ געוויינלעכער אַרבעטער האָט פאַרדינט 10 פּיאַסטער אַ טאָג.

אַז עס איז צוגעקומען אַ נייער אַרבעטער, האָט מען אים אַריינגענומען אין שותפות. אַמאָל איז געקומען צו דער אַרבעט אַ נייער יונגערמאַן, מיט אַ רונדן פּנים און מיט פוילע באַוועגונגען, האָט ער געהאַלטן דעם פּיאַש, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער רייע און אָנגעהויבן גראָבן.

זיינע גריבער זיינען געווען לעכערדיקע אַן דער נויטיקער מאָס, אַזוי ווי די גריבער פון יעדן נייעם אַרבעטער. דעם ערשטן טאָג האָט ער פאַרדינט זייער ווייניק. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אָנגעהויבן מער פאַרדינען.

אין אַ געוויסן טאָג איז צוגעקומען אַ נייער חלוץ און ער האָט דערקענט ברענערן און פאַרוואונדערט אויסגערופן: „ס'איז דאָך ברענער, ברענער, דער רעדאַקטאָר פון ,המעורר'!"

ברענער איז טרויעריק געוואָרן. דער פּיאַש האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט

**יעקב זינגער**

# די אומעטיקע עלטער

(אַן איין־אַקטער)

## פּערזאָנען:

נייטן האָרוויץ, אַ דאַר, נידעריק יידל. אַ געוועזענער הויז־פּאַרבער. 78 יאָר אַלט.
הילדע ראָזן, זיין טאָכטער. אַ גאָר סימפּאַטישע פרוי . . . . . . . . 34 יאָר אַלט.
מאַרק ראָזן, איר מאַן. אַ סימפּאַטישער, ליבעראַלער מענטש . . . 38 יאָר אַלט.
לארי האָרוויץ, אַ זאָרגלאָזער זון. אַ פאַרזיכערונגס אַגענט . . . . 45 יאָר אַלט.

די האַנדלונג קומט פאָר ביי די ראָזנס אין די פאָדערשטע צוויי צימערן:
דער גאַסט־ און עס־צימער זיינען אָפּגעטיילט מיט אַ האַלב רונדן באַלקן.
די מעבל געוויינלעכע: געבעטע שטולן, אַ סאָפע, טישעלעך, לאָמפּן, בילדער און אַ טעלעפאָן. פון עס־צימער פירט אַ באַוועגלעכע טיר אין קיך אַריין.

די האַנדלונג קומט פאָר היינטיקע צייט. אין חודש אָקטאָבער, אַ זונטיק פאַר מיטאָג.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף טרעפן מיר דעם אַלטן האָרוויצן זיצן אין דעם עס־צימער ביים טיש. ער איז אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין חשבונות, אַז ער באַמערקט ניט ווי זיין טאָכטער איז אַריינגעקומען דורך דער פאָדער־טיר אָנגעלאָדן מיט אַ שווערן, אָנגעפילטן, פּאַפּירענעם שקאַר־מעץ עסנוואַרג. זי איז אַ סימפּאַטישע פרוי מיט חן־גריבלעך אין די באַקן. אירע בלויע, ליכטיקע אויגן זיינען זייער בולט. איר קלינגענדיקע שטים איז רואיק און געלאַסן. זי גייט פאַרביי איר פאָטער צו דער קיך.

**הילדע** (גייענדיק, גיט זי אַ זיפץ אַרויס): **האַלאָ, פּאַ!**

**האָרוויץ**: (הייבט אויף דעם קאָפּ. דערזעענדיק דעם פּאַק אין דער טאָכ־טערס הענט, גיט ער אַ זאָג): **זע נאַר, האָסט דאָך מיך געקענט רופן, וואָלט איך דיר געהאָלפן.**

**הילדע: איך וועל אַריינגיין צוגרייטן אָנבייסן.** (זי גיט אַ שטופּ די באַוועג־טיר און פאַרשווינדט אין דער קיך אַריין.)

**האָרוויץ** (זיפצט): **דאָס קינד אַרבעט נעבעך אַזוי שווער . . . ווען איך וואָלט איר כאָטש געקענט מיט עפּעס אַרויסהעלפן. אַ שלעכטער טאַטע בין איך. אַ שלעכטער . . .** (שרייט אַריין אין קיך.) **פאַר מיר גרייט ניט קיין עסן. איך גיי באַלד אַוועק!**

**הילדע** (קומט אַריין, שוין אָן דעם מאַנטל. זי איז אָנגעטאָן אין אַ געשטריקט קלייד): **וואוהין גייסטו? . . .**

---

פון די הענט.

די חברים האָבן אים אַרומגערינגלט, אים מער ניט געלאָזן אַרבעטן, פאַר־לאַנגט פון אים רעפּעראַטן און אים פאַרגעלייגט איינצואָרדנען אַ קבלת־פּנים־אָוונט. אַז זיין סוד איז באַוואוסט געוואָרן האָט ער גלייך פאַרלאָזט די קאָלאָניע.

הארוויץ: איך גיי מיך טרעפן מיט אַ פריינט. מיר'ן שוין צוזאַמען כאַפּן אַ בייס.

הילדע: אפשר וואָלסטו ניט געגאַנגען?

האַרוויץ: וואָס איז?

הילדע: וויל, פאַריקע וואָך, ווען דו ביסט אַהיימגעקומען פון דיינע פריינט, האָסטו אויסגעזען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן.

האַרוויץ: שרעק זיך אַ ביסל ווייניקער וועגן דיין טאַטן! דער טייוול וועט מיך ניט אויסכאַפּן!

הילדע: פּאַ . . . איך וויל ניט אז דו זאָלסט אַזוי ריידן!

האַרוויץ: נו, גוט: זאָג מיר, מיין קינד, וויפל איז 7 מאָל 26000.00?

הילדע: 7 מאָל 26000.00 איז 182,000.00. צו וואָס דאַרפסטו דאָס?

האַרוויץ (פאַרשרייבט): צו וואָס דאַרפסטו דאָס? איך דאַרף וויסן! דו באַהאַנדלסט מיך ווי אַ קליין קינד.

הילדע: ווייל מע דאַרף דיך היטן ווי אַ קליין קינד.

האַרוויץ: היט בעסער אָפּ דיין מאַן און גיב מיר בעסער אַן אייניקל, וועל איך זיין מער צופרידן.

הילדע: איך קען ניט פאַרשטיין: אין די לעצטע עטלעכע וואָכן האָלסטו מיך איין מאַטערן מיט חשבונות און מאַרגעדזשעס, ווי דו וואָלסט געווען אַ וואָל סטריט בראָקער.

האַרוויץ (שמייכלט): זאָל זיין אַ וואָל סטריט בראָקער. זאָג מיר בעסער, וויפל איז 6541.00, 3160.00 און 00. 3650?

הילדע (נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און רעכנט צוזאַמען. די רוקט אונטער צום פּאַטער): נאַ. 13,351.00 טאָלער.

האַרוויץ (קאַפּירט דאָס אויף זיין שטיקל פּאַפּיר): אַז מע נעמט אַרונטער 13,351.00 טאָלער פון 26,360.00 טאָלער, וויפל בלייבט?

הילדע (רעכנט צוזאַמען און רוקט ווידער אונטער דעם חשבון צום פּאַטער): עס בלייבט 13009.00 טאָלער.

האַרוויץ (פאַרשרייבט. טוט אויס די ברילן, נעמט צוזאַמען די פּאַפּירן און לייגט זיי אַריין אין די קעשענעס. ער גיט זיך אַ שטעל אויף און רעדט צו זיך אַליין): אַזעלכע פּייקערס! אמתע רויבערס! עס איז אַפילו ניט ווערט קיין 180,000.00 טאָלער. גיב זיי 215,000.00 טאָלער.

הילדע: קענסט מיר אפשר זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

האַרוויץ (זיפצט שטאַרק): די מאַמע דיינע איז געווען גערעכט: איך בין אַלעמאָל געווען אַ שלימזל.

הילדע: איך ווייס נאָך אַלץ ניט וואָס דו מיינסט.

האַרוויץ (ווי ער וואָלט זיך געבייזערט): דער מאַן דיינער לויפט אַרום אַנטלייען אַ ביסל געלט און איך, דער טאַטע, שטיי מיט דער צונג אין דרויסן! ווען איך וואָלט אים געקענט עפּעס אַרויסהעלפן מיט עפּעס, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש. (זיפצט.) בין איך דאָך אַ קבצן, מיט זיבן פּאַלעס. די מאַמע דיינע איז געווען גערעכט: אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט איז, מע האָט

מיר געגעבן אַ בארשט אין דער האַנט אַריין, האָב איך געשמירט! אַלץ פאַר יענעם! פאַר זיך און פאַר מיינע קינדער, גאַרבישט . . . אַז מע פאַרשפעטיקט אַ באַן, קומט אַ צווייטע. אַז מע פאַרשפעטיקט אָבער די צייט, איז פאַרפאַלן. (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט ווי אַ רעזיגנירטער.) שוין צו אַלט אַז איך זאָל מיך אָנהויבן יאָגן נאָך גליק . . . דער שכל איז געקומען נאָך די יאָרן . . . וואָלט איך כאָטש דיך געהאַט פאַרזאָרגט מיט עפּעס . . .

הילדע: וואָס קענסטו העלפן?

האַרוויץ: גאַרבישט! ג אַ ר ב י ש ט . . . איך וועל זיין צוריק אין אַ צוויי, דריי שעה אַרום!

ער גיט אַ לויף אַרויס דורך דער פּאַדער־טיר. הילדע נעמט צזאַמען די שטיקלעך פּאַפּיר, מאַכט גלייך דאָס לאַנגע, געשטריקטע טישטעכל און שטעלט צוריק אַוועק דעם גלעזערנעם לייכטער אין צענטער פון טיש, וואָס דער פאָטער האָט געהאַט אָפּגערוקט בעת דעם שרייבן, זי שטעלט גלייך די שטולן און וויל אַריינגיין אין קיך. אין דער רגע איז איר מאַן, מאַרק, אַריינגעקומען דורך דער פּאַדער־טיר. ער איז אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, שיינער מאַן מיט אַ טונקל געזיכט. דיינע ברוינע האָר, פיין פאַרקעמט און עלעגאַנט אָנגעטאָן. ער זעט אויס שטאַרק פאַרזאָרגט. ער זעצט זיך אַוועק אויף דער סאָפע און פאַררויכערט די ליולקע. הילדע דערנענטערט זיך צו אים און בלייבט שטיין. עס איז שטיל אַ ווײַלע.

מאַרק: אַלע מיינע פריינט זיינען אין די זעלבע שיך ווי איך. עס איז דריי חדשים פאַר קריסטמעס. אַלע דאַרפן האָבן געלט אויף סחורה . . .

הילדע: וואָס וועסטו טאָן? . . . (זי זעצט זיך לעבן אים און גלעט זיינע האָר.)

מאַרק: מיין איינציקע האָפענונג, איז דיין ברודער. אַהיימפאַרבדיק איז מיר איינגעפאַלן: ווען לארי זאָל מיר קענען אַנטליען אַ צוויי טויזנט טאָלער. (קוקט אויף דער ווייב.) אַ, איך מיין ניט אומזיסט. און אַ דריי טויזנט טאָלער, זאָל ער מיר העלפן קריגן אויף מיין פאַרזיכערונג, וואָלט איך מיר שוין געקענט אַן עצה געבן. פאַרשטייסט, הילדע, איך בין נאָך ניי אין די ביזנעס. איך האָב נאָך ניט קיין קרעדיט. דעריבער מוז איך אַלץ קויפן פאַר מזומן.

הילדע: ער וועט דאָ זיין, וועלן מיר ריידן מיט אים. וועסט עפּעס עסן, מאַרק?

מאַרק (עס קלינגט דער טעלעפאָן. ער גיט אַ כאַפּ דאָס טרייבל): האַלאָ . . . יאָ . . . דאָס איז האַמבאַלט ניין, זעקס, פינף, זיבן . . . יאָ, דאָ וואוינט מיסטער בייטן האַרוויץ . . . ניין . . . צו וואָס דאַרפט איר אים? . . . (בעת ער הערט זיך צו צום טרייבל, בייטן זיך זיינע גרימאַסן.) איר מאַכט אַ טעות . . . יאָ . . . דאָס איז אַכצן פיר און צוואַנציק סענטער עווניו . . . (צו דער ווייב.) הילדע, גיב מיר אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער. (אין טרייבל אַריין.) יאָ, מיסטער בערמאַן . . . יאָ . . . איך הער וואָס איר זאָגט . . . יאָ . . . . (ער פאַרשרייבט אויפן פּאַפּיר וואָס זי האָט אים דערלאַנגט.) יאָ . . . אַהאַ . . . איך וועל אים איבערגעבן . . . אַהאַ . . . אַלרייט, מיסטער בערמאַן . . . אַהאַאַ . . . יאָ . . . גוד באַי . . . (ער הענגט אויף דאָס טרייבל. שרייבט נאָך עפּעס. בלייבט שטיין פאַרטראַכט לעבן דעם טישעלע.)

הילדע: וואָס איז דער מער, מאַרק, ס׳האָט צו טאָן מיטן טאַטן?

מאַרק (גייט איבערן צימער אַן אומרואיקער): איך קען ניט פאַרשטיין, הילדע. היינט אין דער פרי האָט טעלעפאָנירט אַן אַגענט. לעצטע וואָך האָט טעלעפאָנירט אַן אַגענט, און איצט, אָט אַ דער מיסטער בערמאַן, איז אויך אַן אַגענט פון הייזער. דיין טאַטע האָט מיט זיי אַלעמען געמאַכט באַשטעלונגען צו זען הייזער. דער מיסטער בערמאַן האָט פאַר אים אַ הויז, פאַר הונדערט און זעכציק טויזנט טאָלער מיט אַ צוואַנציק־יאָריקן, ערשטן מאָרגעדזש. דער טאַטע דיינער וועט דאַרפן ערגעץ קריגן אַ קליינעם צווייטן מאָרטגעדזש . . . איך קען ניט פאַרשטיין . . .

הילדע: מאַכסט מיך צום לאַכן, מאַרק. דו ווייסט אַז דער טאַטע האָט ניט קיין געלט.

מאַרק: אַז אַ מענטש האָט ניט קיין געלט, צו וואָס גייט ער אָנקוקן אַזויפיל הייזער? אַזעלכע זאַכן טוט קיינער ניט. אפילו אַ משוגענער, טוט ניט אַזאַ זאַך. מיין גאָט . . . איך ברעך מיר דעם קאָפּ, וואו נעמט מען עטלעכע טויזנט טאָלער אויף אַ קורצער צייט און דיין טאַטע גייט קויפן אַ הויז פאַר הונדערט און אַכציק טויזנט טאָלער, מיט אַ „סווימינג פול״ (מקוה). ער, אין זיינע יאָרן, גייט זיך קויפן א הויז וואָס ברענגט אַריין איינקום?

הילדע: מאַרק, דאַרפסט ניט ריידן מיט אַזאַ ביטערקייט וועגן דעם טאַטן.

מאַרק: לויט דיר קומט אויס, אַז איך דאַרף אים דאַנקען פאַר דעם וואָס ער טוט? צו וואָס דאַרף ער דאָס? פאַר וועמען דאַרף ער דאָס? איך בין אַזוי בייז, אַז איך וואָלט אים צעריסן אויף . . .

הילדע (גייט צו אים. זי וויל אים באַרואיקן): אָ, מאַרק, דער טאַטע איז אַזוי גליקלעך וואָס ער וואוינט מיט אונדז. איך ווייס אַז דו האָסט אים ליב. און ער? ער וואָלט אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן פאַר דיר. ער פוצט דיין אויטאָמאָביל. ער האָט אונדז געצוואונגען אַז מיר זאָלן אָפּזאָגן דעם גערטנער. ער קלאַפּט, פאַר־ריכט און פאַרבט דאָס הויז. וואָס נאָך קען מען פאַרלאַנגען פון אַן אַלטען מאַן, אין זיבעציק יאָרן?

מאַרק: אַלץ וואָס דו זאָגסט איז אמת. וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז דאָס מיט דעם: ער ווייסט ווי מיר מאַטערן זיך. ער ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז. ווען ער וואָלט מיר אַנטליען אַ פאָר טויזנט טאָלער, וואָלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון קאָפּ. דו וואָלסט ניט געדאַרפן גיין אַרבעטן.

הילדע: איך קען דיך ניט פאַרשטיין, מאַרק. דו האָסט אַלעמאָל אויסגע־רעכנט דעם טאַטן צום גוטן. האָסט אַלעמאָל אויסגעדריקט סימפּאַטיע צו אים. און איצט, רעדסטו מיט אַזאַ ביטערקייט . . . דו מאַכסט אים פאַר דעם שולדיקן, אין יעדער זאַך . . .

מאַרק: אפשר בין איך ניט גערעכט?!

הילדע: מאַרק, איך פיל דיר מיט. הלוואי וואָלט איך דיר געקענט העלפן. איך הער דיך אָבער, צום ערשטן מאָל, אַזוי ריידן וועגן מיין פאָטער.

מאַרק: דו העלפסט מיר שוין אַזוי אויך גענוג. צו דיר האָב איך גאָרנישט. איך זאָג נאָר, אויב אַ טאַטע האַנדלט אַזוי, איז ער קיין טאַטע ניט! . . . וועסט אים קענען זאָגן, אַז ער וועט זיך מעגן אַריינקלייבן אין זיין הויז, וואָס ער וועט זיך קויפן אויף די עלטערע יאָרן.

הילדע (גיט זיך אַ שטעל אויף אין כעס): איך וועל בעסער אַרבעטן אין אָפּיס מיין גאַנץ לעבן, איידער איך זאָל דיך הערן אַזוי ריידן!

מאַרק: דו ביסט מיין פרוי און דו קענסט ניט פאַרשטיין מיין לאַגע . . .

הילדע: ניין! איך וויל ניט פאַרשטיין! איך האָב געוואַרט דריי און אַ האַלב יאָר, ביז דער גוטער, דער שכלדיקער און האַרציקער מאַרק ראָזן איז אַהיימגעקומען פון דער מלחמה. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ מאַן וואָס האָט זיך באַרימט, אַז אַפילו אויפן שלאַכטפעלד האָט ער קיין איין מענטשן ניט געשאָסן. און איצט, וויל ער אַן אייגענעם טאַטן פאַרטרייבן פון הויז. (גייט אָפּ בייז.) אַ, . . . איך וויל ניט זאָגן . . .

מאַרק (גייט איר נאָך): אָבער הילדע, טייערע . . .

הילדע: לאָמיר מער ניט ריידן וועגן דעם. איך בין אינגאַנצן דערשיטערט... (זעצט זיך אַ ברוגזע.)

עס גיט אַ קום אַריין איר ברודער, לאַרי, אַ פעטלעכער מאַן, מיט אַ ציגאַר אין מויל. שיין אָנגעטאָן און, ווי געוויינלעך, אין גוטער שטימונג. ער בלייבט שטיין ביי דער טיר. קוקט זיך גוט אַרום און רופט אויס:

לאַרי: „האַלאָ, עווריבאַדי!" וואו איז דער טאַטע?

הילדע: ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף עטלעכע מינוט און עס איז שוין מער פון אַ שעה.

מאַרק (לויפט אים אַנטקעגן): פון דיין שוועסטער קען איך גאָרנישט אַרויסקריגן. אפשר קענסטו מיר זאָגן, פון וואַנען דיין טאַטע האָט געלט צו קויפן אַ הויז פאַר צוויי הונדערט טויזנט טאָלער? מיט אַ סווימינג פול! דו הערסט, אַ סווימינג פול! (לאַכט סאַרקאַסטיש.)

לאַרי (לאַכט שטאַרק. קוקט אויף דער שוועסטער און אויפן שוואָגער): וואָס האָסטו געזאָגט? דער טאַטע, צוויי הונדערט טויזנט טאָלער? . . . אַ סווימינג פול?! גיי, דו מאַכסט שפּאַס . . .

מאַרק: לאָך ניט. עס איז אמת. זאָל זי דיר זאָגן. ערשט, מיט פופצן מינוט צוריק, האָט טעלעפאָנירט אַ בראָקער, אַז ער האָט פאַר אים אַ מציאה.

לאַרי: איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. איך ווייס דיר ניט וואָס צו זאָגן. אָבער, אויף מיין טאַטען איז אַלץ צו גלויבן. ער איז אַלעמאָל געווען אַ באַהאַלטענער.

הילדע: לאַרי, דו אויך?! זייער פיין, מיין ברודער! זייער פיין! איר קענט טאַקע ניט וואַרטן ביז דער טאַטע וועט אַהיימקומען?

לאַרי: דו וואָלסט געווען גערעכט, ווען ער וואָלט געווען אַ געטרייער פאָטער. ווען ער וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט מיט מיר. אפשר וואָלט איך אים נאָראַיעט אַ בעסער געשעפט וואו ער זאָל אינוועסטירן זיין געלט. נו, טאַקע, הילדע, פון וואַנען ווייסט דער טאַטע וועגן מסחר? זינט איך געדענק אים, איז ער געווען אַ הויז-פּאַרבער ביי יענעם! וואָס ווייסט ער וועגן ביזנעס?

מאַרק (פאַרזאָרגט): פינף טויזנט טאָלער וואָלט מיך געשטעלט אויף די פיס. אינגאַנצן פינף טויזנט שמאָלאַרעס. הער זיך איין, לאַרי, אפשר וואָלסטו געקענט מיר העלפן . . .

לאַרי (פילט זיך אומבאַקוועם. פאַלט אַריין אין די רייד): איך דאַרף שוין גיין!

מאַרק(זעט אַז דער שוואָגער דרייט זיך. גיט ער אַ זאָג) : איך וואָלט גראַד געוואָלט אַז דו זאָלסט בלייבן. דערציייל דו דיין טאַטן, מיין לאַגע.

לאַרי (זעט אַז דער שוואָגער מיינט ניט אים, לאַכט ער) : אַז ער האָט מיר ביז היינט ניט געזאָגט וואו ער האָט גענומען אַזויפיל געלט, מיינסטו אַז ער וועט מיר איצט זאָגן ? קענסט צו אים ריידן, ווי צו דער וואַנט. הערסט ,מאַרק : איך האָב מיך אַמאָל שטאַרק געניטיקט אין דריי הונדערט טאָלער. מיינסט אַז ער האָט מיט געגעבן ? אַ נעבעכיקער טאָג. ער גיט דיר אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע, לאַכט זיך אויס און גייט אַוועק. איך קען מיין טאַטן. איך קען אים . . .

הילדע : אפשר האָט ער ניט געהאַט ?

לאַרי ער האָט געהאַט ! געהאַט ! פון וואַנען האָט ער איצט איינצוצאָלן אויף אַזאַ גרויס הויז ? דו ביסט דאָך זיין בוכהאַלטעריך. דו ווייסט דאָך. (דערנעענטערט זיך צו דער שוועסטער.) עס גייט מיר שוין ניט אין געלט, נאָר אין פּרינציפּ ! אַ טאַטע זאָל ניט וועלן אַנטלייען אַן אייגענעם זון דריי הונדערט טאָלער, איז שוין אויס וועלט !

מאַרק : דערפאַר וויל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט בלייבן.

לאַרי (זעצט זיך) : בלויז צוליבן פּרינציפּ, וועל איך וואַרטן אויף אים. (צום שוואָגער) : מאַרק, דו ווייסט אַז איך בין דיר אַ פריינט. איך וועל דיר העלפן, מיט וואָס איך וועל נאָר קענען.

הילדע : טאָמער האָט דער טאַטע אַ פּאָר יאָר צום לעבן ,גייט איר זיי פאַר־קירצן. איך ווילט צעברעכן זיין האַרץ. ס'איז אַלרייט, מאַרק. וואָלסט געמעגט זיין אַ ביסל מער טאָלעראַנט.

לאַרי : זאָג מיר, שוועסטער מיינע, און דער טאַטע, איז טאָלעראַנט ? וואָס וואָלט אים געשאַדט אַז ער זאָל אַנטליען דיין מאַן די פּאָר טאָלער ? ער וועט זיי מיטנעמען אין . . . ?

הילדע : אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַזוי גיך ווי ער דערהאַלט די טשעקס פון דער יוניאָן און פון וואַשינגטאָן, גיט ער זיי מיר אַוועק. ניט איינמאָל האָט ער זיך פאַרקלאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט עפּעס טאָן פאַר אונדז.

לאַרי : עס איז זייער ניט אנגענעם אַזאַ זאַך : דו ווייסט אָבער, מיר לייענען פיל מאָל אין די צייטונגען ווי אַלטע מענער און פרויען האָבן געלעבט ווי שנאָררערס און חזירים. נאָכן טויט געפינט מען ביי זיי אין מאַטראַץ שווערע טויזנטער.

הילדע : איך בעט אייך, רעדט ניט אַזוי וועגן דעם טאַטן. ער איז אַן ערלע־כער און גוטער מענטש. ווען ער וואָלט געהאַט, וואָלט ער געגעבן. איך קען מיין טאַטן. (איז אומעטיק.)

לאַרי : איך קען אויך מיין טאַטען. (לאַכט.)

מאַרק : גלויב מיר, הילדע, איך וויל ניט ווי טאָן דיינע געפילן. איך האָב האַלט דיין פאָטער און האָב אַ סך רעספּעקט פאַר אים. עס איז אָבער ניט ריכטיק פון זיין זייט.

לאַרי : וואָס אמת איז אמת. איך האָב ליב ערלעכקייט. איך האַלט אַז דיין מאַן איז גערעכט.

הילדע (מיט געבעט צו איר מאַן): קענסט זיך פאַרשטעלן ווי דער אַלטער פאָטער וועט פילן, ווען דו וועסט אים באַשולדיקן אין אַזאַ זאַך?

לארי (שמייכלט): מיין שוועסטער איז אַזוי נאַאיוו. הלוואי וואָלט איך איר געקענט באַווייזן אַז מע מוז ניט אַלעמאָל גלויבן אין אַלץ וואָס מע זאָגט איר.

הילדע: אויב אַזוי, דאַרף איך דיר אויך ניט גלויבן. איך דאַרף ניט גלויבן מיין מאַן. קיינעם ניט. אויס וועלט. קיין שום מענטשן ניט גלויבן. אפילו אַן אייגענעם טאַטן ניט גלויבן...

מאַרק: זאָל זיין גענוג גערעדט. (צום ווייב): גענוג! גענוג!

הילדע (גיט זיך אַ שטעל אויף): ווען דער טאַטע זאָל שוין אפילו האָבן אַ סך געלט, ווייל ער זאָגט ניט אַליין, וועט דאָס הייסן, אַז איר האָט אים געכאַפּט ביי אַ ליגן. אויב איר דענקט, מיט דעם וואָס איר וועט באַליידיקן זיינע געפילן, וועט איר טאָן אַ גוטע זאַך, וואָס איך אָפּ מיינע הענט פון אַלץ. איר קענט שוין טאָן וואָס אירווילט. איך וועל מיך ניט מישן.

לארי: עס גייט ניט אין געלט, הילדע. איצט האַנדלט זיך אין פּרינציפּ!

הילדע (פאַלט אַריין אין די רייד): איך האָב געהערט אַלע אייערע אַרגומענטן. עס איז מיר שוין ניט גוט פון זיי. ווען עס קומט צו געלט, איז מיין ברודער געוואָרן אַ מענטש מיט פּרינציפּן און מאַרק ראָזן, האָט פאַרלאָרן אַלע פּרינציפּן! און מצער זיין אַן אַלטן טאַטן? און די ווייב. און אַ שוועסטער? דאָס איז גאַרנישט. אַי די וואָג פון געלט שלעפּט אַראָפּ דעם פיינסטן מענטשן. אַ מאַרק (זי ווייזט אויפן האַרצן) דאָ טוט מיר אַזוי ווי...

מאַרק: איך גלויב אַז מיר האָבן זיך גענוג געקאָכט. לאָמיר זיצן שטיל און וואַרטן ביז דער טאַטע וועט קומען. (הילדע הייבט אַן אַוועקגיין אין דער קיך אַריין). ער גייט איר נאָך.) הילדע טייערע, איך בעט דיך, זיי ניט בייז.

הילדע (גיט זיך אַ דריי אויס מיט כעס): דיין היינטיקע האַנדלונג האָט מיך שטאַרק אַנטוישט. איך בין שרעקלעך דערשלאָגן. איך בין געווען גליקלעך ביז היינט. איך באַרים זיך פאַר די מיידלעך אין אָפיס אַז מיין מאַן איז אַ פיינער, אַן איידעלער און אַ ליבעראַלער מענטש. (ווישט די אויגן. זי קען ניט פאַרענדיקן דאָס ריידן. די טרערן שטיקן איר אין האַלדז. מיטאַמאָל גיט אַ קום אַריין דער פאָטער. זי ווישט שנעל אויס די אויגן און לויפט אים אַנטקעגן מיט פרייד.) וואו ביסטו געווען? איך האָב שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן.

לארי: איך וואַרט שוין מער פון אַ שעה צייט.

האַרוויץ (נאָך ביי דער טיר. באַטראַכט אַלעמען מיט חשד): וואָס האָסטו געדאַרפט וואַרטן?

מאַרק: דער אמת איז, ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר איך האָב אים פאַרהאַלטן.

האַרוויץ: וואָס איז דאָס אַזוי געווען די ספּעשקע?

מאַרק: עטלעכע בראָקערס האָבן טעלעפאָנירט. האָבן מיר געטראַכט, אפשר איז דאָס אַ טעות?

האַרוויץ (לאַכט. קומט נעענטער אַריין אין צימער): וועלכער בראָקער?

ער האָט איבערגעלאָזט זיין נאָמען?

הילדע: זעץ זיך אַוועק, טאַטע. ווילסט עפּעס עסן?

מאַרק: איינער אַ מיסטער בערמאַן.

האַרוויץ (זעצט זיך): אָ, זיינע הייזער זיינען אָפּגעשלאָגענע הושענות. די פאַרב שיילט זיך און דער פּלאַסטער קרישלט זיך. זיינע הייזער טויגן ניט.

לאַרי (קוקט אויף דער שוועסטער, ווי אַ זיגער. צום פאָטער): הייסט עס, אַז עס איז אמת אַז דו גייסט אַרום באַקוקן הייזער.

האַרוויץ: ווער זאָגט אַז עס איז ניט אמת? אוודאי גיי איך אַרום באַקוקן הייזער.

מאַרק: אַז איר גייט אָנקוקן, וועט איר דאָך אוודאי קויפן?

האַרוויץ: הלואי וואָלט איך געקענט.

לאַרי: צו וואָס דער גאַנצער „באַדער"? (טרחה)

הילדע: לאָזט דעם טאַטן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. זע נאָר, זיי האָבן זיך צוגע־טשעפּעט ווי בינען.

האַרוויץ (צו דער טאָכטער): ס'מאַכט ניט אויס מיין קינד. (שמייכלט.) ווען דו וואָלסט אַרומגעפאָרן אין פיינעם קעטילאַק און וואָלסט געוועזן אויף אַזעלכע שיינע פּלעצער ווי איך בין געוועזן, וואָלסטו אויך ניט געווען פאַרמאַטערט. (צו די מענער): איר קענט ניט פאַרשטיין, אַז מע קען אָנקוקן און דאָך ניט קויפן?

לאַרי: איך ווייס איין זאַך: אַז מע גייט אָנקוקן הייזער, קלייבט מען זיך צו קויפן.

האַרוויץ (באַטראַכט אַלעמען וואָס קוקן אויף אים מיט פאַרוואונדערונג): וואָס איז, איר האָט גאָרנישט קיין „סענס אָוו היומאָר"? (געפיל פאַר הומאָר).

הילדע: פאָפּאַ, מעגסט אַמאָל ריידן ערנסט מיט דיינע קינדער.

האַרוויץ: ווי איך זע, דאַרף מען פאַר אייך אַלץ צעקייען, ווי פאַר קליינע קינדער. נו, וועל איך שוין אויפדעקן די קאַרטן אויך. איר הערט, דאָס העמד צו פאַרזעצן, און אַ גביר זאָל מען זיין. איר האָט געזאָלט זען, מיט וויפל כבוד און רעספּעקט מע האָט זיך באַצויגן צו מיר. בעסער ווי מיין באַלעבאָס, ווען איך פלעג געבן אַ געטרייען טאָג אַרבעט. מע רעכנט זיך מיט מיין מיינונג. מע רעדט ניט אָנטקעגן, נאָר שטיל און געלאָסן: יעס סער. יעס סער. איך זאָג אייך, אַ פרייד איז מיר צעגאַנגען אין די ביינער. מע האָט מיך געמאַכט פילן, אַז איך בין אויך אַ וויכטיקער מענטש.

הילדע: אָבער צו וואָס קוקן אויף הייזער, אַז דו וועסט ניט קויפן? האָסט שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן, ווי קוקן אויף הייזער? וועלכער משוגענער טוט דאָס?

האַרוויץ (לאַכט): איך זע ניט אין דעם קיין עוולה. מענטשן טוען אַפּ ער־גערע זאַכן.

הילדע: האָסט כאָטש געטראַכט וואָס די שאַנד און באַליידיקונג קען אונדז ברענגען פון אַזאַ זאַך? און דאָס וואָס די בראָקערס פאַטערן צייט, אַרט דיך גאָרנישט?

לאַרי: וואָס ווילסטו פון אים, ער האָט וועגן אונדז קיינמאָל ניט געטראַכט.

מאַרק: זאָל זיין שטיל, לאַרי. לאָז דעם טאַטן ריידן. (צום פאָטער): אָבער, וואָס עפּעס הייזער?

האַרוויץ: וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן, זיצן אין הויז און קוקן אויף די פיר ווענט? איר גייט אַוועק אין דער פרי צו דער אַרבעט און איך האָב מיך ניט וואוהין צו טאָן. זינט די מאַמע איז געשטאָרבן קען איך מיר קיין אָרט ניט געפינען. איך האָב אַלעמאָל געאַרבעט ביי הייזער, און האָב אַלעמאָל געשטרעבט צו האָבן אַן אייגן הויז. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, זאָלט איר אויך עפּעס ירשענען . . . (מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.) איך האָב אַלעמאָל געוואָלט, אַז מיינע קינדער זאָלן האָבן פון דעם בעסטן . . . נו, בין איך געווען אַ שלימזל. (הייבט אויף דעם קאָפּ מיט מוט.) ניט קענען טאָן, טוט מער וויי, ווי ניט וועלן טאָן. (זיי קוקן אויף אים פאַרגאַפּט און שטיל. הילדע ווישט די אויגן.) איצט זע איך, אַז מיין האַנדלונג פאַרשאַפט אייך עגמת נפש. איז די בעסטע זאַך, איך זאָל טאַקע גיין אין מושב זקנים. דאָרט וועל איך ניט זיין אַליין. איך וועל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. (זיפצט שטאַרק.) אוי, איר זאָלט נעבעך ניט וויסן דעם טעם. ס'איז אַזוי אומעטיק צו בלייבן אַליין אויף דער עלטער. (ווישט די אויגן.) אוי, די אומעטיקע עלטער . . . קיין שום ייד זאָל ניט וויסן דעם טעם. מ'קען דאָך משוגע ווערן.

מאַרק (גיט זיך אַ שטעל אויף): דאָס פאַרענטפערט אַלע קשיות. (צום שווער): איר האָט דאָך געזאָגט אַז איר האָט ביי מיר אַ גוטע היים און איצט, ווילט איר אונדז פאַרלאָזן?

האַרוויץ: איך האָב פיינט צו זיין עמיצן אין וועג. איך האָב מיך קיינמאָל ניט אָנגעוואָרפן אויף עמיצן. (ווייזט די הענט.) אַלעמאָל זיך געשטיצט אויף די אייגענע צען פינגער. איצט קען איך מער ניט. אַז ניט באַקוקן הייזער, איז דער מושב זקנים . . .

מאַרק (פאַלט אַריין אין די רייד): איך רעספּעקטיר אייער זעלבסטשטענדיקייט. מיר געפעלט אייער צוגאַנג: איר ווילט ניט זיין אָנגעוואָרפן אויף אייערע קינדער. דאָס איז זייער פיין. אָבער . . .

לאַרי: „וואַט איי דזשאָוק" (אַ שייבער שפּאַס). כאַ, כאַ, כאַ . . . נו, איך דאַרף שוין גיין. (גיט אַ קלאַפּ דעם פאָטער אין דער פּלייצע.) ביסט אַ קיי, פּאַ.

הילדע (גיט אַ לויף צו מאַרקן. נעמט אים אַרום): אָ, מאַרק, ביזט אַזאַ גוטער. איך האָב דיך אַזוי ליב. איך האָב געוואוסט אַז דו האָסט ניט געמיינט דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט. (זי דריקט אים שטאַרק צו זיך און גיט אים אַ קוש.)

מאַרק: דאָס איז געווען אַ גוטע לעקציע.

האַרוויץ (ווישט די אויגן, זיפצט): הלוואי וואָלט איך געווען אַ ביסל יינגער.

לאַרי (האַלט שוין די קלאַמקע פון דער טיר): גוד באַי. (אָפּ.)

די פאַרהאַנג לאָזט זיך פּאַמעלעך אַרונטער.

---

ווערט אַ בויער און אַבאָנענט פון דעם איינציק יידיש-ליטעראַרישן זשורנאַל אין לאָס אַנגעלעס.

ז. בונין

## אין די צווייגן פון די בוימער

אין די צווייגן פון די בוימער,
אויף זיין ווייענדיקן פלייט —
ווײנט דער ווינט פון זיין עלנט,
איבער שאָטנס אויסגעשפּרייט.

און אין מיין פאַרבייַנקטען פענצטער,
קומט די נאַכט מיט גרויל און שוואַרץ,
און עס וועלקן מיינע בלומען,
ווי עס וועלקט אין מיר מיין האַרץ.

וויין ניט מיין נשמה מידע,
טרינק דיין פּיין אויס ביזן גרונט,
עס האָט אַ וואָלף דיין האַרץ צעריסן,
בלוטיקן געלאָזט דיין וואונד.

דורך די לאָדן פון מיין פענצטער
שטאַרט די נאַכט מיט גרויל און שוואַרץ,
און עס וועלקן מיינע בלומען,
ווי עס וועלקט אין מיר מיין האַרץ.

## פאָלק׳ס מאָטיוו

פרילינג אין דרויסן, אַ לויטערער הימל,
ליגט אונדזער שטעטל פאַרהילט אין אַ דרימל.
הינטערן שטעטל, הינטער די מילן,
גיי איך מיט חנה׳לען דאָרטן שפּאַצירן.

גיט זיך אַ ווינטל אין זינגען אַ שלייכל,
שפּילן זיך שאָטנס פון ווערבעס אין טייכל.
טראָגט זיך פון סטעפּ אַ ליד אַ באַטריבטע,
פלאַטערן קינדערשע הערצער פאַרבענקטע.

ס׳ווערט די לבנה אַ זילבער באַזוימטע,
איבער אַ וועלט אַ פאַרגאַפטע פאַרטרוימטע
שטערנדלעך שיינען און שעמערירן,
גוט זאַלבענאַנד אַזוי צו שפּאַצירן.

איך האָב געטראַכט שוין פאַר זיך אַליין: ספרים, ביכער, פּאַרצייטיקע אָדער מאָדערנע, באַשיינען און באַרייכערן דעם מענטשנס לעבן, ווען דער מענטש באַשיינט און באַערט זיי מיט זיינע מעשים. דער מענטש פאַרשעמט די ספרים און ביכער, פאַרשעמט און דערנידעריקט זיך אַליין, ווען זיינע מעשים זיינען להיפּוך צו דעם, וואָס די ספרים לערנען.

אַזוי ווי אונדזערע אַלטע חכמים האָבן געזאָגט: „ביי וועמען זיין חכמה שטימט נישט מיט זיינע מעשים — האָט זיין חכמה קיין האָפט נישט".

---



„פּרנסה געבער" בצלאל מלחי

סקולפּטור און מאלער, געלערנט אין בצלאל שולע אין ירושלים, געלעבט און געשאַפן אַ צייט לאנג אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. איז איצט אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס.

דר. דוד ברידזשער

# דער יידישער חינוך אין לאָס אַנגעלעס

יידישער חינוך איז דער יסוד פון יידישן קהילה־לעבן און די איינציק בעסטע פאַרזיכערונג פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק. איז עס דערפאַר וויכטיק פון צייט צו צייט זיך אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם סטאַטוס פון יידישן חינוך אין יעדער יידישער קהילה.

לאָס אַנגעלעס איז אַן עיר ואם בישראל וואָס האָט אין די לעצטע צען־פופצן יאָר אַדורכגעמאַכט אַ פענאָמאַלן וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, און האָט זוכה געווען צו אַן אָרגאַניזירטן חינוך־סיסטעם אַנגעפירט פון דער קהילה אונטער דער אויפזיכט פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג.

די טעטיקייטן פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג האָבן אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן צו פאַרגרעסערן די צאָל קינדער אין אַלע מינים יידישע שולן, און האָבן באַזונדערס געשאַפן מער גייסטיקע באַדינגונגען פאַר דער מאָדערני־זירונג, סיסטעמאַטיזירונג און אויסבעסערונג פון יידישן שול־וועזן דאָ אין שטאָט. כמעט אַלע יידישע שולן אין לאָס אַנגעלעס, מיט אַ קימא־לן פון אַריבער 15 טויזנט קינדער, זיינען אַנגעשלאָסן אין דער שול־נעץ אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער ביוראָ. אויסער דער פינאַנציעלער הילף וואָס כמעט אַלע שולן קריגן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס (לויט די אומשטאַנדן און באַ־דערפענישן פון יעדער שול באַזונדער), געניסן אָבער די שולן בעיקר, און אין דער פולער מאָס פון די פעדאַגאָגישע און אַדמיניסטראַטיווע אָנווייזונגען, דער־ציערישער אָריענטאַציע, און פעדאַגאָגישע הילפס־מיטלען וואָס די ביוראָ גיט אַלע שולן מיט דער הילף פון אַ געשולטן סטעף פון פאַכלייט אויפן פעלד פון יידישער דערציאונג. די הויפּט־לייסטונגען פון דער ביוראָ זיינען: א) זי העלפט דער גאַנצער לערערשאַפט אויסצובעסערן זייערע פעדאַגאָגישע ידיעות מיט דער הילף פון וועכנטלעכע לערער־סמינאַרן, ב) זי שאַפט אָפּ די הפקרות פון אַנשטעלן ניט קוואַליפיצירטע לערער אויף מינימאַלסטע שכירות; ג) זי גיט אַרויס פאַר־שיידענע לערן מאַטעריאַלן פאַר די לערער און תלמידים; ד) זי פירט דורך שטאַטישע עקזאַמענעס אין אַלע שולן; ה) זי שטעלט איין אַן איינהייטלעכן קוריקולום פאַר די פאַרשיידענע טיפּן שולן; ו) די מפקחים פון דער ביוראָ שטייען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די שולן, און דינען זיי מיט פעדאַגאָגישע עצות און אָנווייזונגען; ז) זי דערמוטיקט די אַרבעט פון די באַזונדערע עלטערן און לערער פאַראיינען דורך דעם שטאַטישן ראַט פון די „פּי טי איייס״; ח) זי קאָאָפּערירט מיט דער „ל. א. געזעלשאַפט פאַר יידישער דערציאונג״ און מיט דער פרויען אָרגאַניזאַציע „איזראַעלא״, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידישער דערציאונג און מיט ניצלעכע פּראָיעקטן לטובת אַלע יידישע שולן; ט) זי פירט אָן מיט אַן אָפּטיילונג פון סטאַטיסטיק, וואָס העלפט שולן אין די ווערביר־אַקציעס פאַר נייע תלמידים, און האַלט אַ גענויעם רעגיסטער פון אַלע תלמידים וואָס באַזוכן יידישע שולן אין לאָס אַנגעלעס.

אָבער טראָץ דעם פאַרגרעסערטן באַזוך פון יידישע קינדער אין די פאַר־

שיידענע טיפן שולן: טראָץ דער בעסערער אָרגאַניזירונג און מאָדערניזירונג פון יידישן שולוועזן דאָ אין שטאָט, ווערט דער יידישער חינוך געפּלאָגט פון אַ צאָל ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס ווען אין דער נאָענטער צוקונפט דאַרפן געלייזט ווערן כדי אַרויפצופירן דעם יידישן חינוך אויפן דרך המלך. מיר'ן אין די וויטערדיקע שורות בלויז אָנרירן אַ פּאָר פון די האַרבע פּראָבלעמען:

1. אַרום 70 פּראָצענט פון אַלע תלמידים וואָס באַזוכן יידישע שולן געפינען זיך אין זונטיק שולן. דאָס מיינט אַז דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישע קינדער קריגן בלויז פון צוויי ביז צוויי און אַ האַלב שעה אַ וואָך יידישע דערציאונג. נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דער רוב לערער אין די זונטיק שולן זיינען ניט קיין קוואַליפיצירטע, מיינט עס אַז אויך די קנאַפּע דערציאונג וואָס די קינדער קריגן איז ניט פון דער העכסטער קוואַליטעט. די קאָנגרעגאַציעס און טעמפּלען וואָס פירן אָן מיט אַריבער 90 פּראָצענט פון יידישע שולן דערמוטיקן דעם וואוקס פון די זונטיק שולן דורך דעם וואָס זיי גיבן די עלטערן אַן אויסוואַל פון שיקן זייערע קינדער אין דער זונטיק שול אָדער אין דער רעליגיעז העברעאישער נאָכמיטיק שול. פאַרשטייט זיך, אַז די עלטערן גייען אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד און קלייבן אויס דאָס באַקוועמסטע — די זונטיק שול־דערציאונג וועלכע לייגט אַרויף אויף זיי דעם מינימום פון התחייבותן און אָנשטרענגונגען!

2. בלויז אַרום 30 פּראָצענט פון דער צאָל קינדער וואָס באַזוכן יידישע שולן געפינען זיך אין די כלערליי יידישע נאָכמיטיק שולן וואו זיי קריגן אַרום זעקס שעה אונטערריכט יעדע וואָך. די צרה איז אָבער וואָס אפילו פון אָט דער קלענער צאָל זיינען אַרום 80 פּראָצענט קינדער איבעם עלטער פון צען יאָר און העכער ... אין דורכשניט בלייבן אָט די קינדער צווישן די ווענט פון דער שול פון צוויי ביז דריי יאָר! מיינט עס, אַז די גרעסטע צאָל קינדער וואָס באַזוכן די נאָכמיטיק שולן באַווייזן ניט אַדורכצוגיין דעם באַשטימטן קורס פון דער עלעמענטאַר־שול, און קענען, בכן, ניט גראַדואירן. צוליב דעם וואָס די עלע־מענטאַר־נאָכמיטיק שולן קריגן ניט אַריין (מיט זייער קליינע אויסנאַמען) קיין זיבן־אַכט יאָריקע תלמידים, מיינט עס אַז זיי (די שולן) האָבן ניט קיין געזונטן פונדאַמענט, און קענען דערפאַר ניט דערגרייכן די דערציערישע צילן וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט. אויך די פּראָגראַם פון דער שול מוז, מחמת דעם העכערן עלטער פון די תלמידים, אַזוי צוגעפּאַסט ווערן אַז זי זאָל נאָכקומען די „באַ־דערפענישן פון די תלמידים" (לייענט: פאָדערונגען פון די עלטערן) און דאָס מיינט פּאַקטיש זיי צו קאָרמענען מיט אַזעלכע לימודים וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין גלאָריפיצירטע בר־מצוה פּראָגראַם! זייער ווינציק אָרט, ווערט אונטער אַזעלכע אומשטענדן געגעבן פאַר דעם לימוד פון דער לעבעדיקער העב־רעאישער שפּראַך, געשיכטע און אַנדערע וויכטיקע עלעמענטן פון אַ באַזיניקטער און עפעקטיווער דערציאונגס פּראָגראַם.

3. עס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ קלענער די צאָל שולן וועלכע קענען געבן גאַנצע שטעלעס צו לערער. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס די מערסטע שולן פירן אָן זייערע קלאַסן צווישן פיר און זעקס אַ זייגער נאָכמיטיק, אַזוי אַז אַ לערער קען באַווייזן צו לערנען בלויז אַרום צוויי שעה אַ טאָג, דאָס הייסט

אַ קימאַ לן פון אַרום צען אָדער צוועלף שעה אַ וואָך, וואָס איז כמעט אַ העלפט פון די שעהן וואָס אַ לערער מיט אַ גאַנצער שטעלע וואָלט געדאַרפט לערנען. דער רעזולטאַט איז, אַז דער רוב שולן איז געצוואונגען אָנצושטעלן „האַלבע" לערער, און פאַר פּראָפעסיאָנאַל־קוואַליפיצירטע לערער ווערט אַלץ שווערער צו קריגן אַ שטעלע פון וועלכער זיי זאָלן זיך קענען מפרנס זיין בכבוד. פון דאַנען נעמט זיך די מגפה פון האַלב־געבאַקענע, און ניט קוואַליפיצירטע לערער וואָס אַ סך שולן זיינען געצוואונגען אָנצושטעלן, אויף אַכט אָדער צען שעה אַ וואָך, און, פאַרשטייט זיך, אויף מינימאַלע שכירות. אָט די לאַגע דעמאָראַלי־זירט די לערערישע פּראָפעסיע און מיר געפינען זיך פאַר אַ פּאַראַדאָקס: פון איין זייט קלאָגן מיר אויף דעם אַלגעמיינעם דוחק אין יידישע לערער, און פון דער צווייטער זייט האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע וואָס מע וואָלט קיין נייע צוגעקומענע קוואַליפיצירטע לערער סיי ווי ניט געקענט באַזאָרגן מיט שטעלעס, וואָלטן זיי על פי נס פון ערגעץ־וואו געקומען . . . שולן וואָלטן אפשר מסכים געווען אָנצושטעלן קוואַליפיצירטע לערער און זיי צאָלן פולע שכירות אפילו פאַר אַ באַגרעניצטער שעה אַרבעט, ווען די קהילה (דורך דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג) וואָלט געווען ביכולת צו פאַרגרעסערן די סובסידיעס. אָבער צוליב דער פאַרגרעסערטער צאָל שולן אין שטאָט, און צוליב דעם מינימאַלן בודזשעט פון דער ביוראָ, ווערן די ביוראָ־סובסידיעס פאַר די שולן ניט גרעסער נאָר קלענער. אַזוי איז דאָס אַזאַ כישוף־רינג פון וועלכן מע קען זיך ניט אַרויס־דרייען . . .

די אויבן דערמאָנטע פּראָבלעמען מוזן אין דער נאָענטער צוקונפט געלייזט ווערן, אויב די מערכה פון יידישן חינוך זאָל ווי עס איז פאַרבעסערט ווערן. פאַר דעם זיינען נייטיק די ווייטערדיקע באַדינגונגען:

1. די יידישע קהילה מוז נעמען אויף זיך אַלץ גרעסערע פינאַנציעלע התחייבותן, און דערמעגלעכן די שולן אויסצוהאַלטן קוואַליפיצירטע לערער. צוליב דער גרויסער צאָל שולן אין שטאָט, וואָלט אַ פאַרגרעסערטער ביוראָ־בודזשעט אויך דערמעגלעכט, אַז ס'זאָלן אָנגעשטעלט ווערן גענוג דערציערישע מפקחים, וואָס זאָלן מדריך זיין די שולן און זיי העלפן צו דערגרייכן די פּע־דאַגאָגישע צילן.

2. עס איז נייטיק אַז די קאָנגרעגאַציע שולן זאָלן אויפשטעלן אַ צוים אַרום דעם וואוקס פון די זונטיק־שולן. פאַר קינדער פון אַכט יאָר און העכער דאַרפן פאַרמאַכט ווערן די טירן פון די זונטיק־שולן, און זיי דאַרפן אָנקומען אין די מער אינטענסיווע נאָכמיטיק־שולן. בלויז אויף אַזאַ אופן וועט מען פאַרגרעסערן די צאָל קינדער וואָס קריגען אַ מער אינטענסיווע יידישע דערציאונג, און פאַר־קלענערן די צאָל פון די וואָס קריגן אַ „לעק און אַ שמעק" טיפּ דערציאונג. כדי דאָס צו דערגרייכן מוזן די ראַביים, די גייסטיקע פירער פון די קאָנגרע־גאַציעס, זיך אָננעמען מיט מוט, אַרויסווייזן אמתע פירערשאַפט, און „צווינגען" די עלטערן (ד.ה. די מיטגלידער פון די קאָנגרעגאַציעס) צו שיקן זייערע קינדער אין פריסטן עלטער אין די מער אינטענסיווע נאָכמיטיק־שולן. ווען מע וועט די עלטערן ניט געבן קיין אויסוואַל, וועלן זיי במילא נאָכקומען די פאָדערונגען

פון דער שעה, און װעלן שיקן זייערע קינדער אין די נאָכמיטיק־שולן אַנשטאָט זיך אָנצוכאַפּן אין דער גליקלעכער „מציאה" פון אַ פּאָר שעה לימודים אין די זונטיק־שולן!

מיט מוט, װיזיע און טיפן גלויבן אין דעם אמתן זין פון יידישן חינוך, קען מען דערגרייכן צופרידנשטעליקע רעזולטאַטן!

---

**יצחק ניומאַן**

## די סעקטע סיקרים (אין ליכט פון די געפונענע מגילות)

פיל זאַכן װאָס זיינען געװען ניט פאַרשטענדלעך סיי פאַר טעאָלאָגן, סיי פאַר היסטאָריקער הויבן אָן צו װערן קלאָר און לויטער, אַ דאַנק די אינטערפּרעטאַציע צו די גאָר באַדייטנדיקע װיכטיקע מגילות, װאָס זיינען געפונען געװאָרן אין דער מדבר יהודה לעבן ים־המלח. נעמט אַ שטייגער דעם רעטעניש, בעסער געזאָגט — דעם גערעטעניש פון אַזוי פיל פּאַרטייען און סעקטן אין יענע יאָרן פון צעמי־שעניש, פון שרעק און פּאַניק, די לעצטע צענדליקע יאָרן פאַרן חורבן. לויט די גרעסטע היסטאָריקער פון יענער צייט װי יאָזעפוס, פילון, און פּליניוס, זיינען אַחוץ די גרויסע פּאַרטייען צדוקים, פּרושים און איסיים, אויך געװען קלענערע פּאַרטייען אָדער סעקטן אָפּגעבראָכענע פליגלען פון די אַנדערע גרעסערע פּאַר־טייען, און כמעט אַלע זיינען זיי געװען מיסטיש געשטימט, װער מער װער װיי־ניקער, אַלע האָבן זיי געבענקט און געהאָפט אויף אַ משיח אַ גואל. פרעגט זיך: היתכן? װי קומט עס, אַז אויך אַזעלכע װי די פּאַציפיסטישע איסיים, קעגנער פון בלוט פאַרגיסונג, זאָלן האָבן גענומען אַן אַקטיװן אנטייל אין דער מלחמה מיט רוים? אויך יאָזעפוס אין זיין בוך (2־17) באַצייכנט די צדוקים אַלס עפּי־קורן, די פּרושים — פאַר סטאָיקס, די איסיים פאַר פּעטאַגורן, און די פערטע פּאַרטיי רופט ער סיקרים, װאָס האָבן אַ נייע פילאָזאָפיע. דעם דאָזיקן נאָמען האָבן זיי, די רוימער, געגעבן לשם גנאי. די סיקרים האָבן געטראָגן אַ קורץ שװערדל הינטער זייער מאַנטל, און סיקרי איז אַ קינדזשאַל. זיי האָבן עס גענוצט קעגן מוסרים און רוימער.

די גמרא אין גטין (נ"ו) רופט די קנאים סיקריקין. איז די פראַגע, װי האָבן זיי זיך גערופן צװישן זיך אַליין? אויך װעגן די קנאים האָט יאָזעפוס ניט קיין גוט װאָרט. ער זאָגט, אַז זיי זיינען געװען ברוטאַל, זיי האָבן פאַרברענט די שפּייכלער פון תבואות אין ירושלים. און װייטער דערציילט ער, אַז יוחנן פון גוש חלב, דער פירער פון די קנאים, און שמעון בר' גיורא, דער פירער פון די סיקרים, האָבן אויך געקעמפט צװישן זיך די גאַנצע פיר יאָר פון מלחמה מיט רוים. ער זאָגט אָבער ניט װאָס ס'איז געװען די סיבה פון דעם ריס. ביידע האָבן דאָך גלייך געהאַסט רוים, און זיך פאַראייניקט אין קריג מיט איר, טאָ פאַרװאָס איז ניט געװען קיין אחדות צװישן זיי?

אָבער װען מען עקזאַמענירט גוט די געפונענע מגילות, זעען מיר אַז פון די איסיים האָט זיך אָפּגעבראָכן אַ גרופּע װאָס האָט ניט אויפגעגעבן דעם

פראַגראַם פון די איסיים, די מוטער פאַרטיי. זיי האָבן בלויז אויפגעהערט צו זיין קעגן מלחמה. זיי האָבן באַטראַכט די מלחמה מיט רוים פאַר מלחמות מצווה, און אַ שעת הכושר פאַר דער דערנענטערונג פון ימות המשיח. דערפאַר דערציילט זיך בפרטות אין די מגילות וועגן אַלע פאַרבאַרייטונגען צום קאַמף. די סיקרים ווערן גערופן די „אנשי היחד״, אמתע אַקטיוויסטן, מיט צוגרייטונגען ווי אַן אמתע אַרמיי, מיט סטראַטעגיקע, און כלערליי קאָמיפלאַזשן אָפּצונאַרן דעם שונא . . .

דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט די קנאים, וואָס זיינען געווען אַן אָפּגעבראָכענער פליגל פון די פּרושים, און דער פּאַראייניקטער פראָנט פון די קנאים און סיקרים, האָבן זיך גערופן „יחד״, די אַקטיוויסטישע דיוויזיע פון דער משיח־באַוועגונג, און ווי עס ווייזט אַן יוסף קלויזנער אין זיין בוך „כשאומה נלחמת על חירותה״, אַז פּונקט ווי שמעון בר גיורא איז געווען דער גרינדער פון די סיקרים, אַזוי איז אויך יוחנן מגוש חלב, און צדוק דער פּרושי, געווען די גרינדער פון די קנאים, און זיי זיינען געווען די „אנשי היחד״, וואָס רוים און יאָזעפוס רופן זיי סיקרים, און שמעון בר גיורא האָט זיך געהאַלטן פעסט מיט דער אידעאָלאָגיע פון די איסיים — אַז אַלע מענטשן זיינען פריי און קיינער זאָל ניט זיין אַ קנעכט צו קיינעם. במילא האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט די רייכע און די מיוחסים, און ער איז געווען מער ברוטאַל ווי יוחנן מגוש חלב. און אַזוי ווערן אויך קלאָר די צוויסטיקייטן צווישן דיביידע פירער. דער ערשטער איז געווען אַן איראַסיי וואָס איז געוואָרן אַ סיקרי, און דער צווייטער איז געווען א פּרושי וואָס איז געוואָרן אַ קנאי, און וואָס ווייטער אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער ריס צווישן די עקסטרעמע און די מעסיקע.

און עס איז די מיינונג פון די עקספערטן, אַז די מגילות זיינען די אַרבעט פון די „אנשי היחד״, מנחם בן יהודה און אליעזר בן יאיר, ביידע חברים פון יענער סעקטע אַקטיוויסטן וואָס האָבן געפירט אַ מלחמה צווישן די קינדער פון ליכט מיט די קינדער פון פינצטערניש, און זיי זיינען דאָס די מענטשן פון דער נייער אידעאָלאָגיע, וואָס יאָזעפוס רופט די פערטע פילאָזאָפיע.

און די חלוקי דעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יוחנן מגוש חלב איז געווען אַ קנאי טאַקע אַ קעמפער, אָבער דער עיקר ביי אים איז געווען די באַפרייאונג פון פאָלק פון פרעמדן יאָך, און אַלע אַנדערע רעפאָרמען מוזן וואַרטן פאַר שפּעטער. אָבער שמעון בר גיורא, מנחם בן יהודה און אליעזר בן יאיר, זיי האָבן געוואָלט לייזן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן גלייך צוזאַמען מיט די פּאָליטישע פראַגן: אָפּשאַפן אַרימקייט, האָבן געטענהט די עקסטרעמע געוועזענע איסיים, דאָס איז די ערשטע טריט פאַרן קומען פון משיח. און רוים האָט באַטראַכט יעדע משיח־באַוועגונג פאַר מרידה קעגן דער מאַכט, און די פירער האָבן געקראָגן זייער שטראָף אויף אַ טראַגישן אופן, איינער איז גלייך געטויט געוואָרן און דער צווייטער איז געשטאָרבן אין דער תפיסה פון רוים.

פון די געפונענע מגילות לערנען מיר אויך אַרויס דעם כאַראַקטער און די פיזיאָגנאָמיע פון די הויפּט פירער פון יענעם ביטערן קאַמף. און וואָלט די אַקציע געווען אַ דעראָפּלג און זיך געענדיקט מיט אַ געלונגענעם זיג פאַר יידן,

וואָלטן די פירער באַטראַכט געוועזן אין די אויגן פון דער געשיכטע פאַר העלדן, פאַר מאַרטירער, און סופער פאַטריאָטן, און אַלע זייערע ברוטאַלע מעשים וואָס דער תלמוד און יאָזעפוס טיילן זיי צו, וואָלטן פאַרגעסן און פאַרגעבן געוואָרן, מחמת זייער רשעת איז געקומען פון ליידנשאַפט צו נעמען נקמה פון אַ שטאַרקן שונא, און די מורא פאַר זייער אייגענעם שאָטן האָט ביי זיי געוואָרפן אַ חשד אויף יעדן איינעם, און דאָס האָט געפירט צו אַ כאַאָס פון לית דין ולית דיין, פון הפקרות, און זיי, די פירער, זיינען גערופן געוואָרן ליסטים, גזלנים, און רשעי־בריוני (לאַבוסניקעס). עס איז טראַגיש און פאַטעטיש אַז מענטשן מיט הויכע אידייען, געלערנטע פילאָזאָפן, זאָלן זיך אַרונטערלאָזן אַזוי נידעריק צו גזילה און רציחה, און ניט בלויז צום אַלגעמיינעם שונא צו רוים, נייערט זיי האָבן געפירט אַ מלחמה מיט אייגענע בעכטיקע פריינט. אָבער די פירער פון יענער צייט קענען פאַרגליכן ווערן צו פאַלשע נביאים, וואָס ווערן אַזוי גערופן מחמת זייער נבואה איז ניט מקוים געוואָרן.

---

**א. באַבּיטש**

# פען־שפּריצן

איך וויל גראַטולירן דעם „לעבעדיקן״, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבער־ריידן פון אונדזער חבר חמץ, אין מיאַמי, און געלאָזט צוטשעפּען זיין נאָמען צו אַ פאַרבאַנד צוויג. זאָל דאָס נאָר זיין אויף לאַנגע יאָר סיי דעם לעבעדיקן און סיי דעם צוויג.

* * *

דער נאָוועליסט בת גאָלדבערג האָט מיר די טעג אָנגעקלונגען אויפן טע־לעפאָן און אַ דערפרייטער אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז קאָלעגע משה גראָסמאַן, דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „היימיש״, וואָס דערשיינט אין תל־אביב, האָט איר צוגעשיקט אַ גאַנצן פּעקל „היימיש״, וואָס בת גאָלדבערג האַלט עס זייער טייער און גיט עס ניט אַרויס אויף „פּראָקאַט״. מע מוז דעם „היימיש״, זאָגט ער, לייענען ביי אים אין הויז.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז חברים האָבן מיר נאָך פון פריער געזאָגט, אַז אַזאַ מין זשורנאַל גייט אַרויס אין ישראל. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען די שריפט.

ווי אַ געוועזענעם רעדאַקטאָר, האָבן פאַר מיר די זשורנאַלן גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו זיי, און האָב זיך ניט געקענט אָפּרייסן. אין זשורנאַל „היימיש״ קריגט איר אַ ים מיט אינפאָרמאַציע פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין ישראל און אין דער יידישער וועלט בכלל. דער רעדאַקטאָר זאָגט אַריין דאָרט וואו און וועמען מע דאַרף, און האָט אויך אַ וואָרט פון לויב וואו נייטיק. משה גראָסמאַן, דער טאַלאַנטפולער דערציילער, דער מחבר פון עטלעכע גרויסע, וויכטיקע ווערק, איז אויך אַ פיינער זשורנאַליסט, מיט אַן אייגענעם בליק און מיט אַ מאָס פאַר אַלץ.

אין דעם קליינעם זשורנאַלעכל געפינט איר פון אַלץ און אין אַ לייכטן

וואָלטן די פירער באַטראַכט געווען אין די אויגן פון דער געשיכטע פאַר העלדן, פאַר מאַרטירער, און סופער פאַטריאָטן, און אַלע זייערע ברוטאַלע מעשים וואָס דער תלמוד און יאָזעפוס טיילן זיי צו, וואָלטן פאַרגעסן און פאַרגעבן געוואָרן, מחמת זייער רשעת איז געקומען פון ליידנשאַפט צו נעמען נקמה פון אַ שטאַרקן שונא, און די מורא פאַר זייער אייגענעם שאָטן האָט ביי זיי געוואָרפן אַ חשד אויף יעדן איינעם, און דאָס האָט געפירט צו אַ כאַאָס פון לית דין ולית דיין, פון הפקרות, און זיי, די פירער, זייענען געוואָרן ליסטים, גזלנים, און רשעי־בריוני (לאַבוסניקעס). עס איז טראַגיש און פאַטעטיש אַז מענטשן מיט הויכע אידייען, געלערנטע פילאָזאָפן, זאָלן זיך אַרונטערלאָזן אַזוי נידעריק צו גזילה און רציחה, און ניט בלויז צום אַלגעמיינעם שונא צו רוים, נייערט זיי האָבן געפירט אַ מלחמה מיט אייגענע נעכטיקע פריינט. אָבער די פירער פון יענער צייט קענען פאַרגליכן ווערן צו פאַלשע נביאים, וואָס ווערן אַזוי גערופן מחמת זייער נבואה איז ניט מקוים געוואָרן.

---

**א. באַביטש**

# פען־שפריצן

איך וויל גראַטולירן דעם „לעבעדיקן", וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבער־ריידן פון אונדזער חבר חמץ, אין מיאַמי, און געלאָזט צוטשעפּען זיין נאָמען צו אַ פאַרבאַנד צוויג. זאָל דאָס נאָר זיין אויף לאַנגע יאָר סיי דעם לעבעדיקן און סיי דעם צוויג.

* * *

דער נאָוועליסט נח גאָלדבערג האָט מיר די טעג אָנגעקלונגען אויפן טע־לעפאָן און אַ דערפרייטער אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז קאָלעגע משה גראָסמאַן, דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „היימיש", וואָס דערשיינט אין תל־אביב, האָט אים צוגעשיקט אַ גאַנצן פעקל „היימיש", וואָס נח גאָלדבערג האַלט עס זייער טייער און גיט עס ניט אַרויס אויף „פראַקאַט". מע מוז דעם „היימיש", זאָגט ער, לייענען ביי אים אין הויז.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז חברים האָבן מיר נאָך פון פריער געזאָגט, אַז אַזאַ מין זשורנאַל גייט אַרויס אין ישראל. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען די שריפט.

ווי אַ געוועזענעם רעדאַקטאָר, האָבן פאַר מיר די זשורנאַלן גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו זיי, און האָב זיך ניט געקענט אָפּרייסן. אין זשורנאַל „היימיש" קריגט איר אַ ים מיט אינפאָרמאַציע פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין ישראל און אין דער יידישער וועלט בכלל. דער רעדאַקטאָר זאָגט אַריין דאָרט וואו און ווען מע דאַרף, און האָט אויך אַ וואָרט פון לויב וואו נייטיק. משה גראָסמאַן, דער טאַלאַנטפולער דערציילער, דער מחבר פון עטלעכע גרויסע, וויכטיקע ווערק, איז אויך אַ פיינער זשורנאַליסט, מיט אַן אייגענעם בליק און מיט אַ מאָס פאַר אַלץ.

אין דעם קליינעם זשורנאַלעכל געפינט איר פון אַלץ און אין אַ לייכטן

הומאָר. און ווען דער רעדאַקטאָר דערציילט איך, אַז ער גיט אַרויס דעם זשורנאַל אַליין אָן דער הילף פון אָרגאַניזאַציעס, נאָר קאָלעגן און פריינט העלפן צו — מוזט איר אים באַוואונדערן, און איר דערפילט זיך, ווי אַ מאָראַלישער פאַר־ברעכער, פאַר ניט צולייגן אַ האַנט כדי צו פאַרזיכערן דעם עקסיסטענץ פון דעם זשורנאַל „היימיש". אינגאַנצן איז עס אַ „דריירל" פאַר צוועלף נומערן, וואָס דאָס מיינט פאַר אַ יאָר־גאַנג, און ס'איז אַ מציאה אפילו פאַר אַ גנב!...

* * *

אַז איך האָב זיך שוין יאָ אַריינגעטאָן אין זשורנאַל „היימיש" — וויל איך טאָקע זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר טשיקאַווע זאַכן פון דאָרטן:

דער קאַמף אַרום שלום אַשן האָט זיך נאָך אַלץ נישט איינגעשטילט, זיינע קעגנער רייסן נאָך אַלץ שטיקער פון אים און פון יעדן איינעם, וואָס זאָגט אַ גוט וואָרט וועגן דעם גרויסן מייסטער. פון דער אַנדער זייט, אָבער, קומען אָן בריוו אין דער רעדאַקציע פון „היימיש" מיט טענות, פאַרוואָס מע האָט געדרוקט ד"ר מוקדוניס אַרונטעררייסנדיקן אַרטיקל וועגן אַשן. וועלכער צד וועט געווינען: די „אַש־יסטן" אָדער די „אַנטיס"? דאָס וועט די צייט באַווייזן.

* * *

(ווען מיר זיינען גרייט געווען מיטן זשורנאַל פאַרן דרוקער, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער באַרימטער שריפטשטעלער שלום אַש, אין עלטער פון 76 יאָר, איז נפטר געוואָרן. מיט צער און טרויער באַדויערן מיר די גרויסע אבידה פאַר אונדזער יידישער ליטעראַטור. רעד.)

* * *

מיר דערוויסן זיך דורכן „היימיש", אַז איצט איז אין ישראל אַרויס יוסף שפּרינצאַקס בוך, איבערגעזעצט אויף יידיש. דאָס איז אַ זאַמלונג פון אַלץ וואָס איז געזאָגט און געשריבן געוואָרן פון שפּרינצאַקן במשך פערציק יאָר. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַ צאָל יחידים.

* * *

מיר געפינען אין היימיש נאָך אַן אינטערעסאַנטע ידיעה: אַן איינלאַדונג צו אַנאַ פראַנק'ס חברטע „ליז", קומען צו אַ פאָרשטעלונג פון הבימה טעאַטער, וואָס פירט איצט אויף אַנאַ פראַנק'ס טאָג־בוך. די איינלאַדונג לייענט זיך אַזוי:

„מיר זיינען מיט אַ פריידיקער איבעררעשונג געוואויר געוואָרן, אַז איר, ליז, געפינט זיך צווישן אונדז. פאַרבעטן מיר איך צו דער פאָרשטעלונג פון אַנאַ פראַנק'ס טאָג־בוך, וואָס וועט פאָרקומען די טעג אין ירושלים. ביי דעם בייזיין פון דעם נשיא המדינה."

די וואָס האָבן געלייענט פראַנק'ס טאָג־בוך געדענקען מסתמא, אַז איבם ביכל פאַרענטפערט זיך אַנאַ פראַנק פאַר איר חברטע ליז, וואָס איז נאָך פריער פון אַנאַ'ן געכאַפּט געוואָרן פון די נאַציס, אַז זי פילט זיך זייער שולדיק, וואָס זי האָט איר איבערגעלאָזט, און איז אַליין אַנטלאָפן. שפּעטער האָבן זיי זיך ביידע געטראָפן אין בערגן־בעלזן לאַגער, וואו אַנאַ איז אומגעקומען פון טיפוס, און

איר חברטע ליז, האָט זיך געראַטעוועט קיין ישראל, און האָט איצט דאָ אַ מאַן מיט דריי קינדער.

* * *

מיר „פּראָווינצער" זיינען כסדר גרייט געווען אויפצונעמען און מקבל פּנים זיין געסט־שרייבער פון ניו־יאָרק: מיר פייערן די יובילעאומס פאַר די אַלע „גרויסע העכט", וואָס שווימען צו צו אונדזערע קאַליפאָרניער ברעגן; מיר פּרובירן שאַפן וואָס מער געלט פאַר די אַלע קולטור צוועקן, און ווער שמועסט נאָך, אַז ס'קומט פון ניו־יאָרק אַ גדול־בדור, מיט זיינע ווערק, דאמאָלס „קערן מיר גאָר איבער וועלטן" כדי צו פאַרשפּרייטן וואָס מערער פון זיינע ביכער.

ס'איז אָבער אויך פאַראַן אַ ייש אומרים, וואָס שטעלן אַרויס אַ גערעכטע טענה:

— און וואָס איז מכוח אונדז אַליין? אפשר וואָלטן מיר אונדזער אייגענע באַלעבאַטישקייט אויך אַ ביסל אין זינען געהאַט? אפשר זאָלן מיר אָנהייבן אַרויסשיקן אונדזערע היגע שרייבער און דיכטער קיין גרויס ניו־יאָרק, כדי צו פאַרשפּרייטן דאָרטן זייערע ווערק? . . .

אסור אויב ס'וואָלט געווען אַן עוולה . . .

* * *

דער ספּעציעלער קאָמיטעט וואָס פאַרנעמט זיך איצט אַרויסצוגעבן אַ בוך דערציילונגען פון דעם באַקאַנטן נאָוועליסט נח גאָלדבערג באַריכטעט, אַז דאָס בוך וועט בקרוב דערשיינען, אָבער די געלט־מיטלען הינקען נאָך אַ ביסל אונטער.

---

**בען צוקערמאַן**

# איינדרוקן פון דער יוגנט אין ישראל

אין יאָר 1952, ווען איך האָב געוויילט אין מדינת ישראל, האָב איך מיך באַמיט צו באַקענען זיך מיט דעם פּרצוף־פּנים פון יונגן דור, מיט דעם אַזוי־פיל באַשריבענעם „סברא". כ'האָב גערעדט מיט זייערע עלטערן, פון דער צווייטער עליה, אויך מיט יידן וואָס האָבן עולה געווען קיין ישראל אין דער זעלביקער תקופה, ווי די יידן וואָס האָבן אייגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. כ'האָב געזוכט אַן אַנאַלאָגיע צווישן דעם יונגן דור, ביי אונדז, און דעם יונגן דור אין ישראל. כ'וועל אָבער פּרובירן בעיקר זיך אָפּשטעלן אויף די פּראָבלעמען, שטרעבונגען און אידעאַלן פון דער יידישער יוגנט אין ישראל.

איך וועל ברענגען דאָ עטלעכע אינטערעסאַנטע אילוסטראַציעס פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע די ישראל יוגנט ראַנגלט זיך און זוכט צו פאַרשטיין:

1) פרעגט אַ 17־יאָריקער יינגל: מעג מען לעבן סתם אַזוי אָן אַ ציל? און וואָס דאַרף זיין דער ציל, אויב נישט די שטרעבונג צו אמת, שיינקייט און גוטסקייט?

2) אויב דו גלויבסט אין גאָט מוזט דו גלויבן אין זיין באַשעפעניש — דעם מענטש, — פרעגט אַ מיידל פון 17 און אַ האַלב יאָר אין אַ בריוו. — באַדויער נישט וואָס דו גלויבסט, ווייל מענטשן וואָס גלויבן נישט, האָט זייער לעבן נישט

איר חברטע ליז, האָט זיך געראַטעוועט קיין ישראל, און האָט איצט דאָ אַ מאַן מיט דריי קינדער.

* * *

מיר „פּראָווינצער” זיינען כסדר גרייט געווען אויפצונעמען און מקבל פּנים זיין געסט־שרייבער פון ניו־יאָרק: מיר פייערן די יובילעאומס פאַר די אַלע „גרויסע העכט”, וואָס שווימען צו צו אונדזערע קאַליפאָרניער ברעגן; מיר פּרובירן שאַפן וואָס מער געלט פאַר די אַלע קולטור צוועקן, און ווער שמועסט נאָך, אַז ס׳קומט פון ניו־יאָרק אַ גדול־בדור, מיט זיינע ווערק, דאַמאָלס „קערן מיר גאָר איבער וועלטן” כדי צו פאַרשפּרייטן וואָס מערער פון זיינע ביכער.

ס׳איז אָבער אויך פאַראַן אַ ייש אומרים, וואָס שטעלן אַרויס אַ גערעכטע טענה:

— און וואָס איז מכוח אונדז אַליין? אפשר וואָלטן מיר אונדזער אייגענע באַלעבאַטישקייט אויך אַ ביסל אין זינען געהאַט? אפשר זאָלן מיר אָנהייבן אַרויסשיקן **אונדזערע** היגע שרייבער און דיכטער קיין גרויס ניו־יאָרק, כדי צו פאַרשפּרייטן דאָרטן זייערע ווערק?...

אסור אויב ס׳וואָלט געווען אַן עוולה...

* * *

דער ספּעציעלער קאָמיטעט וואָס פאַרנעמט זיך איצט אַרויסצוגעבן אַ בוך דערציילונגען פון דעם באַקאַנטן נאָוועליסט נח גאָלדבערג באַריכטעט, אַז דאָס בוך וועט בקרוב דערשיינען, אָבער די געלט־מיטלען הינקען נאָך אַ ביסל אונטער.

---

**בען צוקערמאַן**

## איינדרוקן פון דער יוגנט אין ישראל

אין יאָר 1952, ווען איך האָב געוויילט אין מדינת ישראל, האָב איך מיך באַמיט צו באַקענען זיך מיט דעם פּרצוף־פּנים פון יונגן דור, מיט דעם אַזוי־פיל באַשריבענעם „סברא”. כ׳האָב גערעדט מיט זייערע עלטערן, פון דער צווייטער עליה, אויך מיט יידן וואָס האָבן עולה געווען קיין ישראל אין דער זעלביקער תקופה, ווי די יידן וואָס האָבן אייגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. כ׳האָב געזוכט אַן אַנאַלאָגיע צווישן דעם יונגן דור, ביי אונדז, און דעם יונגן דור אין ישראל. כ׳וועל אָבער פּרובירן בעיקר זיך אָפּשטעלן אויף די פּראָבלעמען, שטרעבונגען און אידעאַלן פון דער יידישער יוגנט אין ישראל.

איך וועל ברענגען דאָ עטלעכע אינטערעסאַנטע אילוסטראַציעס פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע די ישראל יוגנט ראַנגלט זיך און זוכט צו פאַרשטיין:

1) פרעגט אַ 17־יאָריקער יינגל: מעג מען לעבן סתם אַזוי אָן אַ ציל? און וואָס דאַרף זיין דער ציל, אויב נישט די שטרעבונג צו אמת, שיינקייט און גוטסקייט?

2) אויב דו גלויבסט אין גאָט מוזט דו גלויבן אין זיין באַשעפעניש — דעם מענטש, — פרעגט אַ מיידל פון 17 און אַ האַלב יאָר אין אַ בריוו. — באַדויער נישט וואָס דו גלויבסט, ווייל מענטשן וואָס גלויבן נישט, האָט זייער לעבן נישט

קיין טעם און קיין ציל. זיי זיינען ווי פאַרביגייענדיקע שאָטנס. די פּראָבלעמען פון רעליגיע אַנטפּלעקן די וואָרצלען פון זוכן אַ ציל, אַ זינען אין לעבן. דער יוגנטלעכער זוכט אַ לעבן אַ שענערן און אַ בעסערן און דורך די פאַרשיידענע וועלט־אנשויאונגען באַמיט ער זיך אויסצוקריסטאַליזירן אַ באַשטימטן געדאַנקן־גאַנג.

3) אַ מיידל דערצויגן אין אַ ניט־רעליגיעזער אַטמאָספערע, דערנענטערט זיך דווקא צו אַ רעליגיעזער אויפפאַסונג: איך גלויב אין גאָט, מיט מיין גאַנצן האַרצן, הגם כ׳בין ניט רעליגיעז, און בין נישט מקיים די רעליגיעזע מצוות, און דאָך גלויב איך אין גאָט . . .

4) איך קען מער נישט גלויבן אין גאָט — שרייבט אַ בחורל פון 17 יאָר, מחמת דאָס איז סתירה צו מיין וועלט־אנשויאונג. איך זע די וועלט אַזוי ווי זי איז, אָן שום גייסטיקע כוחות, אַלץ איז מאַטעריע: די געזעצן פון פיזיק און כעמיע הערשן אין גאָר דער וועלט. דער פּרימיטיווער מענטש דאַרף גזירות מן השמים, און געבאָטן פון כוהנים, איך געפין די מאָראַלישע פּרינציפּן אין מיר אַליין, און איך נויטיק זיך נישט אין קיין שום רעליגיע, שרייבט אַ מיידל פון 18 יאָר.

5) וואָס איז דער יסוד פון מענטשלעכן לעבן? — די נאַטור, ענטפערט אַ יינגל פון 18 און אַ האַלב יאָר: די נאַטור איז דער יסוד פון אינערלעכער זיכערקייט און גלויבן אין לעבן; צוריק צו דער נאַטור, איז דער בעסטער אויסוועג פון שלעכטע סאָציאַלע רעפאָרמען.

6) און אַן אַנדער בחור פון 17 יאָר, באַשרייבט אַזוי זיין אויסקלייב פון העלדן: — איך פאַרער די נאַציאָנאַלע העלדן: הערצל און זשאַבאָטינסקי. איך פאַרער אויך די געניאַלע מוזיקער: בעטהאָווען און טשייקאָווסקי; די גרויסע שרייבער, גאַלסוואָרטי און פּושקין. און דאָך איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין מיין פאַרערונג צו די נאַציאָנאַלע העלדן אונדזערע — הערצל און זשאַבאָטינסקי. — זיי האָב איך ליב. איך וואָלט זיך באַמיען צו גיין אין זייערע וועגן.

טראַכט איך וועגן די שטרעבונגען און אידעאַלן פון דער ישראל יוגנט, רופט עס אַרויס אייגענע ענלעכע געדאַנקען און ראַנגלענישן אין אונדזער יוגנט. אָבער די אַריבער 50 יאָר דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז חלום און וואָר זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. די השפעות פון כלערליי פאַקטאָרן שטערן אָפּטמאָל דעם יחיד צו לעבן לויט זיינע אידעאַלן און שטרעבונגען. דער חילוק צווישן דער יוגנט אין אייראָפּע און די ישראל יוגנט באַשטייט אין דעם: בעת די יוגנט פון דער אַלטער היים פלעגט נאָר חלומען שיינע גרויסע חלומות, האָט די יוגנט אין ישראל מער פּאָטענצן און געלעגנהייטן זייערע אידעאַלן און חלומות צו רעאַליזירן, און לעבט זיך אויס אין קאַמף פאַר אַן אידעאַל וואָס ווערט פאַר זייערע אויגן פאַרווירקלעכט.

דאָך האָבן די שרעקלעכע פאַרלוסטן, וואָס דער יונגער דור האָט געליטן אין דער באַפרייאונגס־מילחמה, געבראַכט גרינטלעכע שינויים אין דער פּסיכיק פון יונגן דור. די מלחמה האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אין צוויי ריכטונגען: פון איין זייט האָט זי געגעבן דעם יונגן דור אַ געפיל פון היימלאַנד בויער, וואָס

האָבן איינגענומען ברייטע ערד־שטחים; פון דער צווייטער זייט האָט דער יונגער דור געלערנט פון דער מלחמה, אַז דער לאָזונג פון די אַראַבער: „מיר וועלן זיי (די יידן) אין ים אריינוואַרפן" האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ באַנקראָטירטער; און אַז די יוגנט איז בכוח אַנטקעגנשטעלן זיך די כוחות פון אַגרעסיע פון דער אַראַבישער וועלט, אָבער דער נצחון, צו יענער צייט, האָט אויך געבראַכט אַ גייסטיקן קריזיס ביי דער יוגנט, פון דעפּרעסיע און ספקות.

דעם קריזיס וואָס כ'האָב באַמערקט אין 1952 האָט, חלילה, ניט פּאַרכאַפּט דעם רוב מנין פון יידישן דור אין ישראל; אָבער מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין די פּסיכיק פון אַ טייל פון יונגן דור, נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה. די געבורט און דער אויפקום פון דער מדינה און עליה האָבן לײדער ניט משפּיע געווען צום גוטן אויף אַ טייל פון דעם יונגן דור. מיר דאָ, אין אַמעריקע, גע־דענקען זייער גוט די לעצטע יאָרן אָדער חדשים פונם מאַנדאַט. „די מעפּילים פּעריאָדע" ווי אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט, האָט זיך ממש מוסר־נפש געווען צו ראַטעווען אונדזערע שוועסטער און ברידער פון אייראָפּע, דורך דער אומלע־גאַלער עמיגראַציע. די ישראל יוגנט האָט געטראָגן אויף זייערע אַקסלען די פּליטים אין וואַסער ביזן האַלדז און געשוואומען מיט זיי ביז די ברעגן פון ארץ־ישראל.

אָט דאָס קאַפּיטל פון מסירת־נפש האָבן מיר, אַמעריקאַנער יידן, ממש פאַרגעטערט. אָבער וואָס נאָענטער די יוגנט האָט זיך באַקענט מיט די בײַע עולים, און דער עיקר מיט די יידן פון די אַראַבישע לענדער, האָבן זיי דערשפּירט אַ דערווייטערונג. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען זייערע זיטן, זייערע מנהגים און זייער לעבנס־באַנעם. אַ גרויסע מחיצה, אַ פרעמדקייט האָט זיך געפילט ביי זיי, וואָס מע האָט געקענט אַראָפּלייענען פון זייערע בליקן — „האָט זיך עס געלוינט? זיינען זייערע קרבנות געווען באַרעכטיק?"... אַזאַ שטימונג האָב איך דאַן געשפּירט ביי זיי.

און אפשר איז זיי צום פאַרשטיין! מיר וועלכע האָבן אַליין געשפּירט דעם ביטערן טעם פון גלות קענען מערער מיטפילן די מזרח יידן. די יוגנט אין ישראל, וועלכע האָט פון גלות־ליידן ניט געוואוסט, איז עס פאַר זיי אפשר שווערער געווען צו פאַרשטיין דעם לאַנגן פּראָצעס פון מיזוג גליות.

דער צ"הל צבא הגנה לישראל איז זיכער אַ גוטע שולע פאַר די מזרח יידן; און אויך דאָס קאַפּיטל סיני און עזה אָפּעראַציע האָט שטאַרק צעמענטירט אַלע מזרח עדות, מיט די ישראל און אייראָפּעאישע יידן, זיי דערנענטערט און זיי דערוואָרעמט: זיי האָבן געצייגט דער וועלט דאָס יידן פון בערך 50 לענדער און קולטורן האָבן זיך פאַראייניגט ווי איין פאָלק, און מיט שטאָלץ, ווירדע און מסירת־נפש פאַרטיידיקט דאָס איינציק און אייגן ווינקל — מדינת ישראל.

דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער לערמאָנטאָוו האָט אַמאָל געזאָגט: „צייט און אומשטענדן זיינען די בעסטע לעקציעס אין לעבן".

אונדז יידן פעלן ביידע זאַכן ניט.

אַ רייכע היסטאָריע פון פיר טויזנט יאָר.

אומצאָליקע גרויסע לערערס, וואָס האָבן געגעבן דער וועלט רעליגיעס, קולטור און וויסנשאַפט, סאָציאַלע און עטישע געזעצן.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## א. אלמי׳ס טאָפּל־יובל

65 יאָריקער געבוירן־טאָג און 50 יאָריקער יובל פון ליטעראַרישן שאַפן איז אַ זייער וויכטיקע דאַטע. ס׳איז געוואָרן פופציק יאָר, זינט א. אלמי האָט פארעפנטלעכט (אין עלטער פון 15 יאָר) דאָס ערשטע ליד זיינס אין דער וואַר־שעווער „ראָמאַן ציירונג״, (1907). איצט איז אלמי׳ס ליטעראַרישער פאַרמעג — 24 וויכטיקע און וואָגיקע ווערק איבער פאַרשיידענע ליטעראַרישע און פילאָזאָ־פישע געביטן.

שיקן מיר איבער צו אונדזער חשוב׳ן דיכטער, ליטעראַטור קריטיקער און עסייאיסט, א. אלמי׳ן, אונדזערע האַרציקסטע ברכות, פון א סך, א סך געזונט און שעפערישע יאָרן. (זע זיינע לידער אין דעם נומער „חשבון״ — רעד.)

---

## אונדזער וואַרעמע באַגריסונג

צום זייער חשוב׳ן דיכטער און פובליציסט, ל. פיינבערג, צו זיין 60 יאָריקן געבוירן טאָג און צום דערשיינען פון זיין ניי בוך „גאָט פון צאָרן״. מיר ווינטשן אים אריכת ימים ושנים: ער זאָל זיין אזוי אַקטיוו־שעפעריש, ווי ער איז געווען ביז איצט, און מיר זאָלן, צוזאַמען מיט אים, דערלעבן צו פייערן נאָך פיל יובילע־אומס פון זיינע שעפערישע ווערק.

---

## ליטעראַרישע צוזאַמענטרעפן מיט פריינט פון „חשבון״

במשך די זומער חדשים זיינען פאָרגעקומען עטלעכע אינטערעסאַנטע צוזאַ־מענטרעפן מיט די לייענער און פריינט פון „חשבון״.

זונטיק, דעם 30טן יוני, האָבן די חברים גרינשפּאַנס איינגעלאַדן צו זיך אין שיינעם גאָרטן, וואו ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַרישער בייטאָג.

זונטיק, דעם 28טן יולי, האָבן די חברים ראַפּאַפּאָרט פאַרבעטן דעם שריי־בער קרייז און פריינט פון „חשבון״, צו זיך אין דעם גאָר פרעכטיקן גאָרטן, וואו ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זייער אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער בייטאָג, אין אָנדענק פון אונדזער באַליבטן דיכטער ה. רויזענבלאַט ע״ה. ס׳האָבן אנטייל גע־נומען אין די פּראָגראַמען פון די צוזאַמענטרעפן: מלכה טוזמאַן, יעקב זינגער, ב. גאָלדבערג, פ. בערמאַן, וו. נאַטאַנסאָן, מאַטעס דייטש און י. פרידלאַנד. אויך אַ וואָרט פון דער אלמנה רויזענבלאַט.

„חשבון״ דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו די חברים גרינשפּאַנס און די ראַפּאַפּאָרטס פאר זייער פריינטלעכן באַצי און בייטראַג צו אונדזער זשורנאַל.

---

ווערט אַ בויער און אַן אַבאָנענט פאר דעם „חשבון״!

# חשוב׳ע געסט־שרייבער אין לאָס אַנגעלעס

**מרדכי שנריגלער**: נאָוועליסט און עסייאיסט, איז געווען דאָ אויף א קורצן וויזיט. דער שטריגלער קאָמיטעט מיט דעם פארבאנד קאונסיל בראש האָט דורכגעפירט א פייערלעכן קבלת־פנים, פאר דעם חשובן גאַסט, שבת אָוונט, דעם 10טן אויגוסט, אין גרויסן זאל פון קאָמיוניטי צענטער איווף אָלימ־פיק בולוו. שטריגלער האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „יידישע ווערטן״. ער איז אויך אויפגעטראָטן מיט אַ צאָל רעפעראַטן ביי די צווייגן פון פאַרבאנד און בא א צאתך לשלום אָוונט, איינגעאָרדנט פונם שטריגלער קאָמיטעט אין יידישן קולטור קלוב.

**שמואל קרייטער**: באַקאַנטער יידיש־ענגלישער זשורנאַליסט, האָט גע־מאַכט אַ לענגערע טורנע איבער אַמעריקע,און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עט־לעכע טעג אין ל. א. די רעדאקציע האָט געהאַט דעם כבוד זיך מיט אים צו באַגעגענען. ער האָט דאָ באַזוכט אַ צאָל וויכטיקע קולטור אינסטיטוציעס, וועגן וועלכע ער וועט האָבן וואָס צו זאָגן, אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע אין וועלכער ער איז אַן אָפטער בייטראָגער.

הגם קרייטער שרייבט ס׳רוב ענגליש איז ער אָבער שטארק געקניפּט און געבינדן מיטן יידישן וואָרט און מיט דער יידישער ליטעראטור, איבער וועלכער ער האָט געשריבן. ער האָט אויך פאַרעפענטלעכט אין ענגליש ארבעטן וועגן יידישע קינסטלער.

**ל. שפּיזמאַן**: באַקאַנטער שריפטשטעלער, דירעקטאָר פון פרעסע־אָפּ־טייל ביים אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס, האָט דאָ געווילט אַ פּאָר וואָכן אין חודש יולי, איז אויפגעטראָטן מיט א רעפעראַט, ביים פּרץ־הירשביין צווייג פון פארבאנד, וועגן דר. הערצל, צו דער געלעגנהייט פון זיין יאָרצייט. שפּיזמאַן האָט באַזוכט די מערסטע קולטור און געזעלש. אינסטיטו־ציעס און האָט זיך באַקאַנט מיט די פּרטים פון זייערע אַקטיוויטעטן.

**נאָוועליסט חיים פּעט** האָט געווילט ביי אונדז אין דער „שטאָט פון מלאכים״ — לאָס אַנגעלעס, פון פּסח ביז שבועות ה. י. פּעט איז דאָ אויפגע־טראָטן ביי אַ צאָל קולטור אָרגאַניזאַציעס, און איז אויך געווען דער גאַסט אין עטלעכע פּריוואַטע היימען, פריינט פון דער יידישער ליטעראטור, וואו מע האָט פארבראַכט מיט דעם חשובן שריפטשטעלער אַנגענעמע אָוונטן. זיין ניי־בוך „אין לאַנד פון די אבות״ איז זייער פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן.

**אהרן נימענזאָן**: באַקאַנטער דיכטער, האָט געווילט ביי אונדז, געציילטע עטלעכע טעג, סוף אויגוסט. דער שרייבער קרייז האָט געהאַט מיט אים אַ צו־זאַמענקום ביים בעלעטריסט נח גאָלדבערג אין שטוב. דער חשוב׳ער גאסט האָט רעפערירט מכוח דעם איצטיקן מצב פון דער יידישער ליטעראטור און די שליחות פון יידישן שרייבער.

---

**ווערט אַ בויער און אַן אַבאָנענט פאר דעם „חשבון״!**

# צוגעשיקטע ביכער

ה. רויזענבלאַט: „פאַר־נאַכט", לידער און פּאָעמעס. עלפטער באַנד, ארויסגעגעבן פון ה. רויזענבלאַט בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס, 1957, מיט ביאָגראַפישע פּרטים און ביבליאָגראַפיע, 216 ז"ז.

א. לעיעלעס: „ביים פוס פון בארג", לידער און פּאָעמעס, ציקא ביכער פאַרלאַג, 1957, ניו יאָרק, 288 ז"ז.

ל. פיינבערג: „גאָט פון צאָרן", היסטאָרישער ראָמאַן וועגן אלישע בן־אבויה, אין פּערזן. ארויסגעגעבן פון דעם „ל. פיינבערג יובל־קאָמיטעט", ניו יאָרק, 1957, 224 ז"ז.

מיכל ליכט: געזאַמלטע לידער, פאַרלאַג גאָליע, בוענאָס־איירעס, 1957, 393 ז"ז.

זיינוול דיאַמאַנט: „אויף אַלע ווינטן", דערציילונגען. ארויסגעגעבן פון אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, 1957, נ"י, 324 ז"ז.

י. ה. ראַדאָשיצקי: „ווען בלעטער פאַלן", לידער, פאַרלאַג „יונג־יידיש", 1957, נ. י., 103 ז"ז.

מ. קראַוועץ: „אַ נייער באַגינען", דערציילונגען, ארויסגעגעבן פון דעם פּראָגרעס. דרעסמאַכער בראַנטש 122 אר. רינג, 1957, נ. י. 192 ז"ז.

„פון נאָענטן עבר", באַנד צוויי, יידישע פּרעסע אין ווארשע, ארויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, נ. י., 534 ז"ז.

משה גלאַזער: „שבת, יום טוב חול המועד", לידער, בראַשירט, אלבאָם פאָרמאַט. פאַרלאַג משה. לאָס אַנגעלעס, 16 ז"ז.

---

# זשורנאַלן און צייט־שריפטן

„אויפן שוועל"; „קינדער צייטונג"; „אַרגענטינער ביימעלעך"; „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער"; „נ. י. וואַכנבלאַט"; „אויפסניי"; „היימיש"; „ווייטער"; „זיין"; „דער אמעריקאַנער"; „אונדזער האָריזאָנט"; „אויפן וועג" (מימאָגראַפירטער בולעטין); „מעקסיקאַנער לעבן"; „די שטימע" פון מעקסיקע; „בולעטין" פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, 28 ז"ז.

---

נח גאָלדבערג: „אויף צעוואָרפענע וועגן", איז דאָס דריטע בוך דערציילונגען פון דעם באַקאַנטן נאָוועליסט. דאָס בוך וועט בקרוב דערשיינען פון דעם אַרגענטינער פערלאַג „ייד־בוך", און ארויסגעגעבן פון דעם נח גאָלדבערג בוך קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום סעקרעטאַר:

S. Bunyn, 4103 Hollywood Dr. ,Los Angeles 27, Calif.

---

### וועט בקרוב גיין צום דרוק:

אַ ראָמאַן פון יידיש רעוואָלוציאָנערן לעבן און אַנדערע דערציילונגען, פון י. פרידלאַנד, א. נ. „וואַנדערונגען און נסיונות".

# אונדזערע גרויסע אבידות

צו די פּילצאָליקע פאַרלוסטן וואָס די יידישע קולטור וועלט האָט געליטן במשך די לעצטע פּאָר יאָר, איז איצט צוגעקומען, צו אונדזער גרויסן צער און באַדויער, דער טויט פון דעם גרויסן מייסטער פון אונדזער יידישער ליטעראַטור — שלום אַש, דער פּלוצלונגער טויט פון דעם גרויסן יידיש־העברעאישן געלערנטן, וויסנשאַפטלער און ערודיט, ד״ר שמעון ראַבידאָוויטש, אויך דער באַקאַנטער דיכטער ז. ווייַנפּער ע״ה.

מיר ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מערער פאַר׳יתום׳ט און פאַר׳אבל׳ט.
כבוד זייער ליכטיקן אָנדענק.

---

**ש. יאַנאָווסקי בוך**: דער ש. יאַנאָווסקי בוך קאָמיטעט אין לאָס אנגעלעס, איז מודיע, אז גאָר בקרוב וועט דאָס ש. יאַנאָווסקי בוך דערשיינען. דאָס בוך ווערט דערגאַקטירט פון אבא גאָרדין און וועט אַנטהאַלטן אַ פולע אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון ש. יאַנאָווסקי, זיין עפּאָכע און זיין ראָל אלס פּיאָנער וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער יידישער ארב. באַוועגונג אין לאָנדאָן און אין אמעריקע. דאָס ווערק וועט האָבן 675 זייטן, און וועט זיין א חשוב׳ער דענקמאָל פאַר דעם פאַרדינספולן קעמפער און זשורנאַליסט.

---

# אויפמערקזאַם!

מיר באַדויערן זייער וואָס אונדזער חשוב׳ער חבר, יעקב זינגער, האָט צוליב זיין געזונט־צושטאַנד געמוזט אויפגעבן זיין אַקטיוויטעט, אַלס דער סעקרעטאַר פונם שרייבער קרייז בוך און לעבן.

זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר וועט טראָגן דער באַקאַנטער קולטור־עסקן און שרייבער א. כראַבלאָווסקי.

מכוח ענינים פון שרייבער קרייז „בוך און לעבן" ווי אויך די באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט פאַר דעם זשורנאַל „חשבון", ווענדט זיך צו אונדזער ניי־דערוויילטן סעקרעטאַר:

A CHRABLOWSKY
1310 Lyman Place, Los Angeles 27, Calif. — NO. 2-6844

---

## — דערעפענונג פון 32טן זמן —

פון

## לאָס אַנגעלעס יידישן קולטור קלוב

וועט פאָרקומען

**שבת אָוונט, דעם 19טן אָקטאָבער, אין זאַל פון קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס**

# 31 יאָר ל. א. יידישער קולטור קלוב

דעם היינטיקן ראש השנה שתז״י, איז געוואָרן 31 יאָר, זינט דער קולטור קלוב עקזיסטירט. אוודאי איז עס זייער דערפרייענד, וואָס א יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע ווי אונדזערע, וועלכע לעבט ניט אין דעם זכות און מיט דער הילף פון א נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, אין דעם צענטער ניו יאָרק, נייערט איז זעלבסטשטענדיק און פירט אָן מיט אן אייגענער פּלאַנירטער קולטור טעטיקייט; איז 31 יאָר לעבן און ווירקן א מדרגה און אַ דערגרייכונג.

איבערגעבן גענוי און פּרטימדיק אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען די ארבעט פון קלוב, במשך דעם לעצטן זמן, וואָלט פאַרנומען אַ היפּש פּלאַץ, וואָלט דע־ריבער כדאי געווען, אַז איר זאָלט איבערלייענען די רשימה פון די ליטעראַ־רישע שבת־צונאַכטן און קולטורעלע מאָנטיקן, אין דעם נומער „חשבון״; דאָס וואָלט אייך געגעבן, מער ווינציק, אַ בילד און א באגריף פון דער פארצווייג־טער און אלזייטיקער קולטור טעטיקייט, מיט וועלכער דער קלוב האָט זיך אָפּ־געגעבן.

במשך דעם פארגאַנגענעם זמן פון 1956־57, זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן 42 ליטעראַריש־קינסטלערישע שבת־צונאַכטן און 40 קולטורעלע מאָנטיקן. סיי די שבת צונאַכטן און סיי די מאָנטיק אָוונטן זיינען געווען זייער גוט באַ־זוכטע: צווישן צוויי און דריי הונדערט יידיש יידן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, וואָך איין, וואָך אַויס, און זיך צוגעהערט צו אַ וואָרט־קאָנצערט, צו אַ רעפע־ראַט, צום געזונגענעם יידישן פאָלקס ליד, צו אַ מוזיקאַלישן קאָנצערט און צו אַ קינסטלערישער פאָרלייענונג; די פייערונג פון די יידישע יום־טובים, מיט פּאַסיקע ליטעראַרישע פּראָגראַמען. אָפּהאַנדלונגען וועגן די יום־טובים און די יום־טוב לידער געזונגען מיטן עולם, האָט אריינגעבראכט גאָר אַ סך יום־טוב־דיקייט און דערהויבנקייט.

זאָל דאָ בא דער געלעגנהייט אויסגעדריקט ווערן אונדזער אנערקענונג צום ליבן חבר, יעקב ניומאַן, אונדזער פּראָגראַם דירעקטאָר. חוץ־לזה וואָס ער איז אַליין אויפגעטראָטן, מיט זיינע פיינע פאָרלייענונגען פון אונדזער יידי־שער ליטעראטור, האָט ער זיך באַמיט צו באַזאָרגען די בעסטע טאַלאַנטן וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו באַקומען פאר אונדזערע ליטעראַרישע קינסטלע־רישע שבת־צונאַכטן.

ניט ווייניקער אַנערקענונג קומט אונדזער חבר בען צוקערמאַן, ווי דער וויצע־פּאָרזיצער פון קלוב, פאר צוגרייטן און אַראַנזשירן די קולטורעלע מאָנ־טיקן, מיט לעקטאָרן און איינלייטער, איבער פאַרשיידענע ליטעראַרישע, געזעל־שאַפטלעך קולטורעלע ענינים.

אוודאי איז אַזאַ אַרבעט פארבונדן מיט אַ סך עקשנות און איבערגעבנקייט צו אונדזער קולטור קלוב און צו יידישער קולטור בפרט.

אַ וואָרט פון אנערקענונג קומט אויך אונדזער חשוב׳ן ביבליאָטעקער חבר נתן אַזאָלין פאר אָנפירן מיט אונדזער ביבליאָטעק, מיט אַזוי פיל געטריי־שאפט און ליבע. און, ועל כולם, אונדזער אקטיווער פארוואלטונג, אלע חברים

און חברות און פריינט פון יידישן קולטור קלוב, וואָס נאָר אַ דאַנק זייער מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף, זיינען מיר ביכולת געווען אָנצופירן מיט דער פאַרצווייגטער קולטור טעטיקייט און אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס קולטור היים־אונדזער בית־המדרש.

לאָמיר אַלע זיין געשטאַרקט מיט גלויבן און בטחון אין דער ארבעט פאַר דעם המשך פון אונדזער יידישער קולטור. לאָמיר זיך באַמיען פאַר נאָך גרעסערע דערגרייכונגען, הן אין איכות הן אין כמות.

**לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב**
**י. פרידלאַנד**, פרעזידענט
**מ. ל. קאַפּילאָף**, סעקרעטאר

---

## באַאמטע און אַדמיניסטראַציע פון לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב פון דעם יאָר תשי״ז — 1956-57

**ה. רויזענבלאַט**
ערן־פרעזידענט

**י. פרידלאנד**
פרעזידענט

**בען צוקערמאַן**
וויצע פרעזידענט

**שמואל ברייניך**
וויצע פאָרזיצער

**מ. ל. קאפעלאָף**
פינאַנץ סעקרעטאַר

**יעקב ביומאן**
פראָגראם דירעקטאָר

**ס. לעווין**
פראָטאָקאָל סעקר.

**א. שוואַרץ**
קאַסירער

**שלמה צוקערמאַן**

**מ. ווינאַרסקי**
פינאַנץ קאָמיטע

**מיני שווארץ**
בריוו פארוואלטונג

**סאַפּיע קאַטלער**
הויז פאַרוואַלטונג

**א. אַזאַלין**
ביבליאָטעק און אַרכיוו

**א. אייעראָף**
פאַרוואַלטונג צום ל. א.
יידישער קאָמיוניטי קאונסיל

•

**מיטגלדער פון אַקטיוו**

א. באביטש
ש. צוקערמאַן
ציליע צוקערמאַן
ת. קאַטלער
ליובא ברייניך
א. קאַמינקער
מוסי פרידלאַנד

## לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב
**געגרינדעט אין יאָר 1926**

# רשימה פון קולטורעלע און ליטעראַרישע שבת-צו-נאַכטן פון 31טן זמן 1956-57 פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

א) שבת אָוו. 8טן סעפּט.: ראש־השנה פייערונג. יצחק קאַלער האָט גערעדט וועגן יום־טוב, חזן נתן קאַצמאַן צוזאַמען מיט יעקב ניומאַן, האָבן דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון פאַרלייענונג און געזאַנג, פון „ימים־נוראים׳דיקן דאַווענען אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן”.

ג) פרייטיק אָוו. 21טן סעפּט.: סוכות פייערונג. מ. פאגל, וועגן יום־טוב סוכות. פאַרלייענונגען און געזאַנג בציבור.

ג) שבת אָוו. 6טן אָקט.: פייערונג פון 30־יאָריקער יובל, פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. דערעפענונגס רעדע פון י. פרידלאַנד, וועגן קלובס 30־יאָריקן עקסיס־טענץ און זיינע דערגרייכונגען. גדאל זאַלעסקי, טשעליסט; יעקב ניומאַן, פאַרלייענונג; אַלען מייקלסאָן, געזאַנג; עלען לענדין, פּיאַנאָ; שלמה האָכבערג, באַגריסונג. יום־טובדיקע טישן, פיינער כיבוד.

ד) שבת אָוו. 13טן אָקט.: ליטעראַטור פּראָגראַם לכבוד דער דערשיינונג פון דעם 8טן נומער זשורנאַל „חשבון”, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דעם שרייבער־קרייז ״בוך און לעבן”. פּראָגראַם: עמוס הירשביין, פּיאַנאָ; ד״ר חיים ראַטבלאַט, רעפעראַט; אסתר שומיאַטשער־הירשביין, פאַרלייענונג, לידער: נח גאָלדבערג, דערציילונג; ד״ר דוד ברידזשער, רעצענזיע איבערן „חשבון”; מ. ל. קאַפּעלאָף און וו. נאַטאַנסאָן, באַגריסונגען, און י. פרידלאַנד, וועגן זשורנאַל און זיינע צילן.

ה) שבת אָוו. 20טן אָקט.: יודל מארק, פון נ. י., רעפעראַט איבער „ווערטער ווי יידישע ווערטן” אין שייכות מיטן יידישן ווערטערבוך. דער קולטור קלוב האָט בייגעשטייערט 100 דאָלער לטובת דעם ווערטערבוך.

ו) שבת דעם 27טן אָקט: אַ יוסף אפּאַטאָשו אָוונט איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דעם מלאָוועד אפּאַטאָשו קלוב אין ל. א., וועלכער פּראָיעקטירט אַ צימער אויף אפּאַטאָשוס נאָמען אין דעם ירושלימער אוניווערסיטעט. ס׳האָבן זיך באַטייליקט אינעם פּראָגראַם: זלמן זילבערצווייג; בארטאָן גרעי, פידל־קינסטלער; זיגמונט ליעוו, פאַרלייענער; י. פרידלאַנד, וועגן אפּאַטאָשוס ביאָ־ביבליאָגראַפיע: ס. דייוויס, אַ וואָרט וועגן דעם אפּאַטאָשו קלוב, און אַלעקס בערגער, דירעקטאָר פון „פריינט פון העברעאישן אוניווערסיטעט ביים פּאַסיפיק”.

ז) שבת אָוו. 3טן נאָוו., איז אויפגעטראָטן דער וואָרט־קינסטלער נח נאַכבוש אין אַ פּראָגראַם פון רעציטאַציעס און געזאַנג. סימע גרין ביי דער פּיאַנאָ; עמוס הירשביין, פּיאַנאָ סאָלאָס.

ח) שבת אָוו. 10טן נאָוו.: דריי־שפּראַכיקער סעמינאַר לכבוד דעם חודש פון יידישן בוך, האָט פּראָפ׳ משה ליבמאַן רעפערירט איבער „מענדעלע און זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען”; סעמועל קאַמינקער וועגן „יידישע ביכער אין ענגליש”; ד״ר דוד ברידזשער וועגן „ביכער אין העברעאיש”. אַן אויסשטעלונג פון די נייעסטע ביכער, אונטער דער השגחה פון מ. האַרעליק.

ט) שבת אָװ. 17טן נאָװ. : 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון אחד העם, צו דער גע־לעגנהייט פון דער דערשיינונג פון זלמן זילבערצוויגס בוך „אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש״. פּראָגראַם : זלמן זילבערצוויג ; פייגעלע פאַניטץ, געזאַנג ; יודיזשא ברומאַן, פּיאַנא ; זיגמונט ליעװ ; פאָרלייענונג, י. פריד־לאַנד, ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון אחד־העם.

י) שבת אָװ. 24טן נאָװ.: 40־יאָריקער געדענקאָוונט פון שמעון שמואל פרוג. נח שטיינבערג, װעגן ש. פרוג און זיין שאַפונג ; נתן קאַצמאַן, געזאַנג פון ש. פרוגס לידער ; י. פרידלאַנד, מיט ש. פרוגס ביאָ־ביבליאָגראַפיע.

יא) שבת אָװ. 1טן דעצ. : חנוכה פייערונג — י. צורף, רעפעראַט װעגן חנוכה ; טיאַנא טאַמאַרא, פאָלקס־לידער געזאַנג ; שענאַן געלסאַן, פּיאַנא ; פאָר־לייענונג „חנוכה־געלט״ פון ש. ע. געזאַנג בציבור.

יב) שבת אָװ. 8טן דעצ. : לכבוד דער דערשיינונג פון ש. מיללערס נייעם בוך „נעכטן״, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דעם ש. מיללער בוך־קאָמיטעט. פּראָגראַם : דערעפענונג פון י. פרידלאַנד ; פידל קאָנצערט, נחום סירקין ; אָפּשאַצונג װעגן בוך „נעכטן״, ש. האָכבערג ; פאָרלייענונג פון מיללערס דערציילונג, ז. ליעװ. באַגריסונג פון בוך־קאָמיטעט, י. װיינשטיין. רעדע פון מחבר, געלייענט פון יעקב ניומאַן.

יג) שבת אָװ. 15טן דעצ. : קבלת פנים פאַר דעם דיכטער י. י. שוואַרץ. דער דיכטער האָט רעפערירט איבער דער טעמע : „דער גאַנג פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע״. יום־טובדיקע טישן. פיינער כיבוד.

יד) שבת אָװ. 22טן דעצ. : טעאַטער־שפּיל — מאָנאָ דראַמאָ, אויפגעפירט פון דער שױשפּילערין קלאַראַ האַבערמאַן, ל. קאָברינס „צוריק צו מיין פאָלק״. פּיאַנאָ־באַגלייטונג, שענאַן געלסאַן.

טו) שבת אָװ. 29טן דעצ. : 65 יוגנטלעכע, מיט זייערע לערער געסט פון דער יידישער מעקסיקע, האָבן דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון רעציטאַציעס, שפּיל און פאָרלייענונגען פון יידישער ליטעראַטור. פאָרזיצער פון אָוונט, י. ניומאַן.

— 1957 —

טז) שבת אָװ. 5טן יאַנ. : אַ מענדעלע געדענק־אָוונט. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט : פּראָפ׳ משה ליבמאַן, איבער מענדעלעס שאַפן ; מאַררים בראודא, פּיאַנא קינסטער, סאָלאָס. יעקב ניומאַן, פאָרלייענונג.

יז) שבת אָװ. 12טן יאַנ. : אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון דעם נומער 9 זשור־נאַל ״חשבון״. פּראָגראַם : סאַול באַביטש, פידל־קינסטלער ; זיגמונט ליעװ, פאָרלייענונג ; ד״ר חיים ראַטבלאַט, „די אויפגאַבע פון קריטיקער״. מ. ל. קאַפּעלאָף, „חשבון אין די אויגן פון אַ לייענער ; י. פרידלאַנד, ״חשבון אין זיין פעריפעריע ; יעקב זינגער, אַ װאָרט װעגן תכלית ; װיליאַם נאַטאַנסאָן, שלוס װאָרט און באַגריסונג.

יח) שבת אָװ. 19טן יאַנ. : 60־יאָריקער יובל פון יעקב גלאַטשטיין. מיט אַן אָפּ־שאַצונג פון יעקב גלאַטשטיין איז אויפגעטראָטן שלמה האָכבערג. פאָרלייענונג פון גלאַטשטיינס לידער, אברהם זיגלבוים, מיט אַ ביבליאָגראַפיע פון גלאַט־

שטיינס ווערק; י. פרידלאַנד, מע האָט פאַרשפּריט גלאַטשטיינס בוך „פון מיין גאַנצער מי״.

יט) שבת אָוו. 26טן יאַנ.: לכבוד חודש פון יידישער מוזיק. פאָלקס־מוזיק, און געזאַנג פון חזן קאַצמאַן; פּיאַנע, י. סירקין; מ. בראַודאַ, פּיאַנאָ־סאָליסט.

כ) שבת אָוו. 2טן פעב.: איז דורכגעפירט געוואָרן אַ יהואש אָוונט, מיט אָפּשאַצונגען, פאַרלייענונגען און געזאַנג פון יהואש׳ס לידער.

כא) שבת אָוו. 9טן פעב.: יערלעכער „ייוואָ״ אָוונט לטובת דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. רבי חדש האָט רעפערירט איבער „יידישע ליטעראַטור אין ענגליש״; אניטא פריידליך און פערל פעדער, שוישפּילעריננס, האָבן אויפגעפירט „מוסר״ פון י. ל. פּרץ; עמוס הירשביין, פּיאַנא קאָמפּאַזיציעס; זלמן זילבערצווייג, וועגן „ייוואָ״. דער קלוב האָט בייגעטראָגן זיין יערלעכןביישטייער פון הונדערט דאָלער.

כב) שבת אָוו. 16טן פעב.: אָוונט פון פאָלקאָר, הומאָר און געזאַנג. י. קאַלער האָט רעפערירט איבער יידישן הומאָר; טיאַנא טאַמאַרא, אין פאָלקס־געזאַנג, סאָלאָס און מיטן עולם; י. פרידלאַנד האָט אָנגעפירט אַ יידישע „קוויז״־פּראָגראַם, מיטן אָנטייל פון עולם.

כג) שבת אָוו. 23טן פעב.: חזן בארענשטיין אין אַ געקליבענער פּראָגראַם פון יידישע פאָלקס־לידער; פּיאַנא באַגלייטונג, שענאַן געלסאָן; יעקב ביומאַן, פאַרלייענונג. געזאַנג בציבור. יום־טובדיקע טישן.

כד) שבת אָוו. 2טן מערץ: סימפּאָזיום איבער פּסיכאָ־אַנאַליז, מיטן אָנטייל פון צוויי יידישע פּסכאָ־אַנאַליטיקער, ד״ר קאַרל שוגער און ד״ר מאָריס בעקוועט, איבער דער טעמע: „זיינען יידן ווי אַ פאָלק מערער נערוועז פון אַנדערע פעלקער?״ אויב יאָ — פאַרוואָס?

כה) שבת אָוו. 9טן מערץ: אַ משה נאדיר אָוונט. אַ רעפעראַט איבער נאַדירן פון נח שטיינבערג, און אַ מוזיקאַלישער קאָנצערט פון דעם פידל־קינסטלער, אלבערט שטיינבערג.

כו) שבת אָוו. 16טן מערץ: טראַדיציאָנעלער פורים אָוונט. אַ פּראָגראַם פון פורימדיקע פאַרלייענונגען; אַ צוגעגרייטן געשריבענעם גראַגער, שלח־מנות, געזאַנג בציבור. המן־טאַשן.

כז) שבת אָוו. 23טן מערץ: כאָראַלן און מוזיקאַלישן אָוונט. מאָריס בראַודע און זיין פאָלקס־כאָר אין יידישע פאָלקס־לידער. איליא קאהן, זינגער סאָליסט; סימע גרין, פּיאַנאָ.

כח) שבת אָוו. 30טן מערץ: אָוונט פאַר דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט. באַריכטן פון טעטיקייטן — מצב פון קלוב. יום־טובדיקע טישן. פיינער כיבוד. מוזיקאַלישע טריאָ, פאַרלייענונג.

כט) שבת אָוו. 5טער אַפּריל: י. ל. פּרץ געדענק־אָוונט. זלמן זילבערצווייג, רעפעראַט וועגן פּרצן; זיגמונט ליעו, פאַרלייענונג; ליאָן קושניראָף, פּיאַניסט.

ל) שבת אָוו. 13טן אַפּריל: אליעזר שטיינבארג משלים אָוונט. ד״ר דוד ברידזשער וועגן שטיינבארגס משלים; אברהם זיגלבוים, רעציטאַציעס; י. פרידלאַנד, ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון אליעזר שטיינבארג.

לא) שבת אָוו. 20טן אַפּריל: פּסח־פּייערונג. חזן נתן קאַצמאַן, געזאַנג פּסח־לידער; יעקב ניומאַן, פאַרלייענונג; אַ קאָלעקטיווע לייענונג פון אַ גרופּע חברים און חברות, פון אַ נייער הגדה. געזאַנג בציבור. פּסח־כיבוד.

לב) שבת אָוו. 27טן אַפּריל: אַ רעפעראַט פון אבא גאָרדין, איבער דער טעמע „יידן אין רוסלאַנד אַמאָל און היינט". ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון גאָרדין און זיינע ווערק, דורך י. פרידלאַנד.

לג) שבת אָוו. 4טן מאַי: יום־העצמאות, ניין יאָר מדינת ישראל. אין פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן סאָפיע בערגער, פאָלקס־זינגערין, אין יידישע און העברע־אישע לידער. סאָלאָס און מיטן עולם. סימע גריק, פּיאַנא. מוזיקאַלישע טריאָ. אַ בילד פון ישראל. בען צוקערמאַן, פּאַרזיצער, מיט אַן אַריינפיר וועגן דעם יום־העצמאות.

לד) שבת אָוו. 11טן מאַי: רעפעראַט פון ד"ר חיים ראַטבלאַט, איבער דער טעמע: „דער תנ"ך אַלס אַן אוניווערסאַל און אייביק ווערק".

לה) שבת אָוו. 18טן מאַי: קבלת פּנים פאַר דעם שריפטשטעלער חיים פּעט. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: י. פרידלאַנד מיט ביבליאָגראַפישע באַ־מערקונגען פון חיים פּעט; נח גאָלדבערג, אַן אָפּשאַצונג פון חיים פּעטס שאַפונגען. דער גאַסט האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון ישראל, און זיין בוך „אין לאַנד פון די אָבות" איז פאַרשפּרייט געוואָרן.

לו) שבת אָוו. 25טען מאַי: קבלת פּנים פאַר דעם שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג א. גאָלאָמב, גאַסט פון מעקסיקע. די טעמע איבער וועלכער גאָלאָמב האָט רעפערירט איז געווען „די רעליגיע פון וועלטלעכע יידן". דער ענין האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע.

לז) שבת אָוו. 1טן יוני: יערלעכער שלום־עליכם אָנדענק־אָוונט. דער באַקאַנטער קולטור־עסקן און לעקטאָר ש. האָכבערג האָט רעפערירט איבער ש. ע. שאַ־פונגען; יעקב ניומאַן האָט פאָרגעלייענט פון ש. ע. זאַכן, און י. פרידלאַנד, פאַרזיצער, האָט געלייענט די צוואה פון שלום־עליכמען.

לח) דינסטיק אָוו. 4טן יוני: שבועות־פּייערונג, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַ־סיקע שבועות פּראָגראַם: ספּעציעל צוגעגרייטע שבועות לידער, פאַרלייע־נונג פון י. ניומאַן; גרינס אויף שבועות, און די אידיליע „רות" (געלייענט פון י. פרידלאַנד.

לט) שבת אָוו. 8טן יוני: לכבוד דער דערשיינונג פון 10טן נומער זשורנאַל „חשבון" און זיין רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַטור־אָוונט מיט די וויטערע באַטייליקטע: חזן נתן קאַצמאַן; יעקב ניומאַן; נ. גאָלדבערג; משה לייב קאַפּעלאָף; וויליאַם נאַטאַנסאָן, און דער בעל־שמחה, י. פרידלאַנד. יעקב זינגער, פאַרזיצער פון אָוונט.

דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון קלוב צוזאַמען מיט דעם שרייבער־קרייז „בוך און לעבן" — די אַרויסגעבער פון זשורנאַל.

מ) שבת אָוו. 15טן יוני: האָט פּראָפ' משה ליבמאַן געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער „חסידיזם".

מא) שבת אָוו. 22טן יוני: אָפּשלוס פון 31טן זמן פון קולטור קלוב. אין פּראָגראַם

האָבן זיך באַטייליקט: סידני גרין, פידל־קינסטלער; דעבאָרא גרין, פּיאַנא קאָנצערטיסטין; פּיגעלע פּאַניק, געזאַנג; יודזשינא ברומאַן, פּיאַנא באַגלייטונג; ש. האָכבערג, באַגריסונג; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער, אין אַ וואָרט וועגן קלובס 31טן זמן אַקטיוויטעט.

## רשימה פון קולטורעלע מאָנטיקן פאַר דעם זמן 1956-57

**— 1956 —**

א) מאָנטיק אָוו. אויגוסט 6טן: האָט חבר ג. אזאלין אַנגעפירט מיט אַ שמועס: „אונדזערע דיכטער און אונדזער אלף־בית".

